# דער יוד

# DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען

ערשיינט יעדע וואך — פערלאג: חברת „אחיאסף“.

Krakau, 5 Juni 1902. — פיערטער יאהרגאנג. — קראקוי, סיון תרס״ב.

נומר 23


## אינהאלט:


א) יודישע פאבריק־ארבייטער. — י. ל.
ב) פאליטישע איבערזיכט. — י. ל.
ג) שפאצירגייענג דורך בערלין. — ר. ברייני.
ד) צייטונגס־שטימען. — עכא.
ה) יודישע שטעדט און שטעדטליך. — די ביהן.
ו) מען שרייבט אונז.
ז) די צווייטע אסיפה פון עסטרייכישע־ציוניסטען. — מ. ב.
ח) די יודישע וועלט.
ט) אלגעמיינע וועלט־נייעס.
י) די שפייזערין. (א בילד). — אברהם רייזען.
יא) וועג־בילדער. — שלום אש.
יב) דאס בוך פון דעם ווילדען וואלד. (פעלעטאן). — רידיארד קיפלינג.



## שנה חמישית „השלח“ 1902

מכתב עתי הדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו״ל: חברת „אחיאסף“. העורך: אשר גינצברג.

יצאה לאור ונשלחה לכל ההותמים החוברת הרביעית (April)

וזה תוכן עניניה:

א) שאלות ארץ ישראל (ב. הישוב ואפטרופסיו. המשך). אחד העם.
ב) שאלת הכלכלה ומקומה בתנועתנו הלאומית (המשך). ד״ר ח. ד. הורוויץ.
ג) נפש רצוצה (ציורים מימי הילדות. המשך). ש. בן-ציון.
ד) יהדות ואנושיות. יוסף קלוזנר.
ה) חכמת בן סירא (המשך). דוד כהנא.
ו) עשרת השבטים (המשך). שמעון מנחם לזר.
ז) תבת נח (שיר). יעקב קפלן.
ח) השקפה כללית (II) ד״ר ש. הלוי.
ט) ענינים שונים (א. ש. פריעדבערג. ר. — היהדות ו„האדם העליון“. מ. רבינוביץ. — תשובה קצרה. אחד העם. — הערה. ש. א. הארא־דעצקי).
י) ידיעות ספרותיות.

תנאי החתימה ברוסיא: לשנה — 6 רו״כ. לחצי שנה — 3 רו״כ. לרבע שנה לא תתקבל החתימה כלל.

כתובת המו״ל:

**Издательство „АХІАСАФЪ“, Варшава.**

**Verlag „Achiasaf“, Warschau.**

חותמי ארצות המערב יואילו לפנות ע״פ הכתבה:

Administration „Der Jude“ Krakau, Gertrudag. 16.

המחיר לשנה: 16 קראנען, 13 מארק, 17 פראנק. בארץ ישראל — 15 פראנק. לחצי שנה: חצי המחיר הנ״ל.

## „די יודישע פאמיליע“

### א מאנאטליכער זשורנאל פיר ליטעראטור און וויסענשאפט.

פערלאג: חברת „אחיאסף“

עס איז ארויס פון דרוק און איז צושיקט געווארען מיט דער נומער 21 דאס **פינפטע העפט.**

דער אינהאלט איז פאלגענדער:

א) א „וויגרישנע ביליעט“ (ערצעהלונג. ענדע). — שלום עליכם.
ב) אבגענארט (ערצעהלונג). — שלום אש.
ג) דאס כפרה־היהנדיל (ערצעהלונג. פארטזעצונג.) — האל קען.
ד) ד״ר שלמה מאנדעלקערן (ביאגראפיע). — י. ה. זאגאראדסקי.
ה) א בריעף צום דאקטאר (ענדע). — ד״ר יעקב טשערני.
ו) דער כח פון א רענענס־טראפען (פארטזעצונג). — ג. ח. לעוונער.
ז) ווי מען פלעגט שרייבען פאר צייטען. — אבנר.
ח) ראש חודש. — י. ל. צופעליג.
ט) יודישע וויטצען. — ריש.

**דער פרייז פון דעם זשורנאל פיר די אבאנענטען פון „יוד“: יעהרליך נור 1 רובל (מיט פארטא 1.50 רובל).**

אדרעססע:

Administration „Die Jüdische Familie“ Krakau, Gertrudy 16.

פיר רוסלאנד:

**Издательство „Ахіасафъ“, Варшава.**

IV. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 23

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6 "
פירטעליאהריג —.3 "
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 "
אמעריקא. ענגלאנד —.10 שילינג

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

די אדרעסע פיר עסטר.-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף“.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 "
פיערטעל יאהרליך 1.50 "

מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — " "
דע 1טען אויגוסט — " "

איינצעלנע נומערן 15 קאפ. — 30 העללער.

ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ

די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ“, Варшава.

Krakau, 5 Juni 1902. נומר 23 קראקוי, סיון תרס״ב.

אין די קומענדיגע נומערן „דער יוד“ הויבט זיך אן צו דרוקען איין ארגינעלע ארבייט אונטער דעם נאמען:

ספר הבהמות

פון

ש. י. אבראמאוויץ

לכבוד רב מענדעלי מוכר ספרים

א מתנה

פונ׳ם מחבר.

## יודישע פאבריק-ארבייטער.

אז דער דלות צווישען די רוסישע יודען ווערט ניט פערמינדערט, נאך אז ער וואקסט אלץ מעהר און מעהר, איז איין בעקאנטע זאך. עס קען ניט אנדערש זיין, ווען די צאהל פון אונזערע פרנסות, וואס איז אזוי אויך געניג קליין, ווערט תמיד אלץ ווינציגער. אמאל איז דער גאנצער האנדעל און דאס גאנצע האנדווערק אין רוסלאנד און אין פוילען געוועזן נור אין יודישע הענד. איצט אבער פערמעהרען זיך אלץ מעהר דער האנדעל און מלאכות צווישען אונזערע קריסטליכע שכנים, וועלכע זענען ניט קיין ערגערע סוחרים פאר אונז און פיעל בעסערע בעלי מלאכות. די קאנקורענץ מיט די שטארקערע, רייכערע קריסטליכע סוחרים און בעלי מלאכות איז פאר די יודען צו שווער, און טויזענדער יודען ווערען וואס ווייטער אלץ מעהר ארונגעשטופט אין דאס נידרינגע עלענד און נויט. די פאבריקאציאן, וואס וואקסט איצט אין רוסלאנד מיט א מאוים׳דיגער גיכקייט, מאכט בילינער די ארבייט פון די יודישע בעלי מלאכות; נעמט דורך דעם צו די פרנסה פון טויזענדער מענשען און גיט זיי ניט אנשטאט דעם אנדערע פערדינסטען. די פאבריקען פערמעהרען זיך אין רוסלאנד, הונדערטער טויזענדער ארבייטער פערדיענען דורך זיי זייער חיונה, נור פאר די יודען ברענגען זיי קיין הילף ניט, פאר די יודען זענען די פאבריקען פערשלאסען. עס איז איין אומגליק פאר אונז וואס מיר קענען ניט אויסנוצען די טובות, וועלכע עס ברענגט די העכערע קולטור, און שרעקליך טרויעריג איז אונזער לאגע, ווען מיר מוזען מודה זיין, אז דאס וואס איז גוט פאר אנדערע ברענגט אונז קיין נוצען ניט.

פאר וואס זענען די יודען געבליבען פון הינטען? וואו איז די יודישע ריהריוודיגקייט, די יודישע קלוגשאפט, די יודישע פעהיגקייטען און ענערגיע, מיט וועלכע מיר ריהמען זיך אזוי? איז עס דען ניט א סימן פון אלטקייט און שוואכקייט, ווען מיר זענען ניט בכח צו געהן צוזאמען מיט דער צייט און ווען מיר שטופען זיך נור אין די אלטע וועגען, וואס זענען אויסגעטרעטען געווארען פון אונזערע טאטעס און זיידעס אין די אמאליגע צייטען?

יא, שוואך און אלט זענען מיר, אונזער קראפט און ענערגיע זענען געבראכען אפילו אויף דעם פעלד, וועלכעס עס האט איינענטליך געהארט צו אונז געהערען. די פאבריקען שאפען רייכקייט פאר דאס לאנד און פרנסות פאר די ארבייטער. אבער פאר די יודישע ארבייטער זענען די פאבריקען נור שטארקע קאנקורענטען. אין לאדז און אין ביאליסטאק האבען די פאבריקען צוגענומען דאס ברויט פון די יודישע וועבער, אין וויטעבסק האבען די פאבריקען ארויסגעשטופט די יודישע שמידען, וואס האבען צוגעשטעלט ווייט ארום געצייג פאר ערדארבייטער. אין ביאליסטאק האבען זיי צוגענומען די פרנסה פון די יודישע שלאסערס, וועלכע האבען ניט געקענט אויסשטעהן די קאנקורענץ מיט די פאבריקען, וואס ארבייטען מיט דער הילף פון מאשינעס.

אמת, אין פוילען און אין ליטא זענען אויך פֿאַרהאַן פֿיעל יודישע פֿאַבריקען, אָבער די צאָהל פֿון זייערע יודישע אַרבייטער איז זעהר קליין. אין פוילען אַליין געפֿינען זיך ביי יודישע פֿאַבריקאַנטען ביז 40 טויזענד אַרבייטער, פֿון זיי זענען אָבער יודען ניט מעהר ווי עטליכע הונדערט.

די פֿראַגע וועגען יודישע פֿאַבריק־אַרבייטער איז זעהר וויכטיג. דאָס איז אַ לעבענספֿראַגע פֿאַר הונדערטער טויזענד יודען. אַ גרויסען דאַנק דאַרף פֿערדיענען ה. הארַאש, וואָס האָט אונז געגעבען אין די ביכער פֿון „וואָסכאָד" איין אויסגעצייכענטע אַרבייט איבער די דאָזיגע פֿראַגע. מיט דערזעלבער פֿראַגע פֿערנעמט זיך איצט אויך ה. וועבער, דער מיטאַרבייטער פֿון „הצפירה", וואָס פֿרעגט אויס וועגען דעם די יודישע פֿאַבריקאַנטען אין ווארשוי.

עס איז אומעטום פֿערברייטעט דער געדאַנק, אַז די יודען געהען ניט אין פֿאַבריקען, ווייל זיי זענען צו שוואַך פֿאַר די פֿאַבריקאַרבייט. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות. דער אָנגערופֿענער ה. האראש, וואָס איז אַליין אַ טעכניקער, האָט בעקוקט די יודישע פֿאַבריקען און וואַר־שטאַטען אין פֿיעל שטעדט פֿון דעם תחום און בריינגט ראיות, ווי פֿאַלש עס איז די געוועהנליכע מיינונג. די אַרבייט פֿון די היימישע וואַרשטאַטען ביי די סלאָסערס אין ביאלאסטאָק, דערצעהלט ער, איז אַ סך שווערער, ווי די אַרבייט אין די פֿאַבריקען, וואו דער מענש בענוצט די הילף פֿון מאַשינעס. דער קריסטליכער אַרבייטער מיידט אויס די אַרבייט אין אַזוינע וואַרשטאַטען, וועלכע זענען געוועהנליך ענג און שמוציג, און ער געהט ליעבער אין די פֿאַבריק, וואו די אַרבייט איז אויך פֿיעל גרינגער און ווערט בעסער בעצאָהלט. די אַרבייט פֿון די יודישע וועבער, וואָס אַר־בייטען אויף זייערע וועבשטוהלען מיט דער האַנד, איז אויך פֿיעל שווערער ווי די אַרבייט מיט די מעכאַנישע וועבשטוהלען. ווער עס האָט נור

אפילו געזעהן די יודישע נאָג־רוזטשיקעס למשל אין פּינסק אָדער די יודישע טרעגער אין די גרויסע רוסישע שטעדט, דער וועט שוין ניט קענען זאָגען, אַז די יודען זענען צו שוואַך און אַז דערפֿאַר קענען זיי ניט אַרבייטען אין די פֿאַבריקען.

אין איינעגע פֿאַבריקען אַרבייטען יודען און קריסטען צוזאַמען, און די פֿאַבריקאַנטען קלאָגען זיך קיינמאָל ניט אויף זייערע יודישע אַרבייטער, אַז זיי טויגען ניט, אַז די אַרבייט איז פֿאַר זיי צו שווער.

בכן איז די מיינונג, וועלכע מיר הערען אַזוי אָפֿט, אַז די יודען זענען צו שוואַך פֿאַר די אַרבייט אין די פֿאַבריקען, אַ טעות, וועלכער האָט זיך איינגעוואָרצעלט ביי אונז און וועלכען אַלע זאָגען נאָך, ניט איבערקלערענדיג, צי אַזאַ מיינונג איז אמת אָדער ניט.

אויב אַזוי, דאַן וואָס־זשע איז די סבה, פֿאַר וואָס עס איז דאָ אַזוי וועניג יודישע פֿאַבריקאַ־בייטער? אַזוינע סבות זענען דאָ צוויי. די ערשטע און די וויכטיגסטע סבה איז, וואָס מיר האָבען ניט קיין גוטע מייסטערס, און די צווייטע סבה איז אונזער שבת.

אין יעדער פֿאַבריק דאַרף מען האָבען אויסער פשוטע אַרבייטער אויך גוטע, אויסגעלערענטע, געניטע מייסטערס, וועלכע פֿיה־ען די אַר־בייט און וועלכע ווייסען, ווי אַרומצוגעהן ביי די מאַשינעס. אַזוינע מייס־טערס, וואָס זענען בעקאַנט מיט דער אַרבייט פֿון אַ מאַשין, זענען ביי אונז ניטאָ. דערפֿאַר זעהען מיר, אַז אַפֿילו אין די פֿאַבריקען, וואו עס אַרבייטען יודען, טהוען זיי געוועהנליך נור די אַרבייטען, וועלכע ווע־ען געמאַכט מיט'ן האַנד. די מאַשין פֿערטרייבט דעם יודען. דער יוד איז צו איהר ניט איינגעוועהנט.

אַזוי ווי דער יוד איז ניט בעקאַנט מיט דער אַרבייט ביים מאַשין און אַזוי ווי עס זענען ניט פֿאַרהאַן ביי אונז געניטע מייסטערס, קען אַ פֿאַבריק ניט אויסקומען מיט יודען אַליין. ערשט גאָר ניט לאַנג זענען

# פֿעליעטאָן.

רידיאַרד קיפּלינג.

## דאָס בוך פֿון דעם ווילדען וואַלד.

I.

עס איז געוועזען אַ הייסער אָוועגד; די צופֿלאַמטע זון האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהאַט אַראָבגעלאָזט אונטער די בערג סיאָני, און דער טאַטע וואָלף, וואָס איז אַ גאַנצען טאָג געשמאַק געשלאָפֿען, האָט זיך איצט אויפֿגעכאַפּט, אָבגעקראַצט, אָבגעגעניצט און האָט אויסגעצויגען אַלע פֿיער פֿיס, איינעם נאָכ'ן אַנדערען, כדי צו פֿערטרייבען דעם רעשט מיעדקייט און פֿוילקייט, וואָס ער האָט נאָך געפֿיהלט. די מאַמע וועלפֿין איז געלעגען אויף דער ערד און האָט פֿערשטעקט איהר לאַנגע נאָז צווישען די פֿיער קליינע וועלפֿליך, וועלכע זענען געלעגען אונרוהיג און האָבען זיך געוואָרפֿען, איבערגעקעהרט און געשריען. דורך אַ שפּאַרע האָט די לְבָנָה אַריינגעקוקט אין דער הייל אַריין, וואו די וועלפֿישע פֿאַמיליע האָט זיך געלעבט אַזוי צופֿריעדען.

— אַ־אָ! האָט געברומט דער אַלטער וואָלף — ס'איז שוין צייט אַרויסצולאָזען זיך אויף געיעג.

און ער האָט שוין געוואָלט לאָזען זיך ווייטער אין טהאָל אַריין, נאָר עפּיס אַ קליינער שאָטען מיט אַ צולאָזטען וויידעל האָט איהם דעם וועג פֿערשטעלט און האָט אָנגעהויבען וויינעדיג צו בילען:

— נאָט העלף! אַנפֿיהרער פֿון אַלע וועלף! איך ווינש דיר גליק און שטאַרקע ווייסע צייהנער פֿאַר דיינע איידעלע קינדער. לאָזען זיי קיינ־מאָל נישט פֿערגעסען, אַז ס'זענען פֿאַרהאַן הונגעריגע אויף דער וועלט!

דאָס איז געווען אַ שאַקאַל מיט'ן נאָמען טאַבאַקי, דער ביינער־נאַגער; די אינדיאַנישע וועלף קענען איהם נישט ליידען, ווייל ער שלעפּט זיך אומעטום אַרום, רעדט רכילות, מאַכט אָן פּיינדשאַפֿט, בריינגט מיט אומ־גליק, וואו ער קומט, און דערצו עסט ער ביינער און אַלע מאָוסקייטען פֿון דעם דאָרפֿישען מיסט. דערביי אָבער האָט מען פֿאַר איהם מורא, ווייל טאַבאַקי איז מעהר פֿאַר אַלע איינוואָהנער פֿון דעם ווילדען וואַלד געניי־גט צו ווילדקייט, און אַז די ווילדקייט כאַפּט איהם אָן, פֿערגעסט ער גאָר, אַז ער האָט אַמאָל געציטערט פֿאַר עמיצען, לויפֿט משוגע איבער'ן וואַלד, און בייסט יעדען, וועמען ער טרעפֿט נור אויפ'ן וועג. דער טיגער אפילו בע־האַלט זיך דעמאָלט פֿאַר איהם, ווייל די ווילדקייט איז די מאוס'טע און שרעקליכסטע פֿון אַלע קרענק, וואָס קענען טרעפֿען אַ ווילדע חַיָה. אויף אונזער לשון הייסט די קרענק וואַסערשוי, די היות אָבער רופֿען די קרענק פשוט — משוגעת, און אַנטלויפֿען פֿאַר אַזאַ משוגע'נעם מיט שרעק.

— נו, געה אַריין און זוך — האָט דער וואָלף געענפֿערט — נאָר, דאַכט זיך, ביי מיר איז גאָר נישט דאָ צום עסען.

— פֿאַר אַ וואָלף, פֿערשטעהט זיך, איז נישט דאָ — האָט טאַבאַקי געענפֿערט — נאָר פֿאַר אַזאַ שוואַך און אָרעם בעשעפֿעניש ווי איך, איז אַ טרוקענער ביין אויך אַ פֿיין מאָלצייט. מיר אָרימע שאַקאַלען, טאָרען נישט צו פֿיעל איבערקלייבען.

ער האָט אַבגעזופֿצט, אויסגעדרעהט די אויגען און איז גיך אַריינ־געגאַנגען אין דער הייל. ער האָט נישט לאַנג געזוכט, ווייל ער האָט באַלד געפֿונען עפּיס אין אַ ווינקעלע אַ שוואַרצען ביין, אויף וועלכען עס איז נאָך

אין אפאר וואכען און דערצו דארף מען ניט פיעל פעהיגקייטען אדער געניטקייט.

ווי אזוי, פרעגט זיך, איז דאס אבער געקומען, אז די דארפסויערים, וואס האבען ווענינער פעהיגקייטען ווי דער יוד און וואס קענען ווענינער פאר איהם, האבען זיך ארויסגעוויזען פאר פעהיג צו דער ארבייט אין די פאבריקען און האבען ארויסגעגעבען די נויטהיגע צאהל גוטע מייסטערס, בעת מיר זענען געבליבען פון הינטען?

א ענטפער אויף די דאזיגע פראגע געפינען מיר ווידער אין דער ארבייט פון דעם ה. חאראש. בעת עס האבען זיך אנגעהויבען גרינדען פאבריקען אין רוסלאנד, האט מען אויסגעשריבען מייסטערס פון רוסלאנד. אזוי ווי די מייסטערס זענען געווען קריסטען און אזוי ווי דאס רוב ערשטע פאבריקאנטען זענען אויך געווען קריסטען, האט מען ממילא גלייך פון אנהויב איינגעפיהרט דאס רוהען אום זונטאג און דאס ארבייטען אום שבת. דורך דעם אליין האבען שוין די יודען גאר ניט געקאנט אנהויבען קלערען וועגען די ארבייטען אין פאבריקען. דער יודישער בעל־מלאכה האט אין אנהויב נאך ניט געוואוסט, וואס פאר א קאנקורענט עס וואקסט אויס פאר איהם דורך די פאבריק, און דער יוד האט אויך אין אנהויב ניט ארויסגעוויזען קיין גרויסען חשק צו ווערען איין פערקויפט־ר ארבייטער. די פרייע ארבייט פון א בעל־מלאכה איז איהם שטענדיג געווען מעהר צו הארצען. דערווייל זענען יאהרען אוועקגעגאנגען, צווישען די קריסטען איז ערצויגען געווארען א גרויסע צאהל געניטע ארבייטער און געניטע מייסטערס, און די יודען זענען געבליבען ביי זייערע אלטע מלאכות. זענען דערנאך געקומען יודישע פאבריקאנטען, האבען זיי שוין פאר זיך געפונען איין פארטיגען שטייגער: קריסטליכע מייסטערס, קריסטליכע ארבייטער, דאס רוהען אום זונטאג און דאס ארבייטען אים שבת.

איבערצואנדערשען דאס וואס זיי האבען געפונען, האבען שוין אונזערע פאבריקאנטען ניט געקאנט. דערצו האט זיי פערפעהלט מעהר ליעבע צו זייער יודישען פאלק און מעהר ענערגיע. י. ל.

---

## פאליטישע איבערזיכט.

לובע אין רוסלאנד. — די דייטשע קאלאניזאציע אין פאזען. — א נייע מלכה. — דער עסטרייכישער פארלאמענט.

דער רוסיש־פראנצויזישער יום טוב האט זיך שוין אויסגעלאזט. פרעזידענט לובע האט פערבראכט 4 טעג אין פעטערבורג. די רעדען, וועלכע זענען געהאלטען געווארען פון דעם רוסישען קייזער און פון דעם פרעזידענטען האבען דער וועלט קיין נייעס ניט געבראכט. זיי האבען נור נאך אמאל ארויסגעזאגט פאר דער גאנצער וועלט, ווי שטארק עס איז דער בונד צווישען די ביידע מלוכות און זייערע פעלקער. די סמאטרעס פון פראנצויזישען היל, אויף וועלכע עס איז געווען פאר א יאהרען זומער דער רוסישער קייזער, און די איצטיגע סמאטרעס פון רוסישען היל אין קראסנאיע סעלא צוליעב דעם פראנצויזישען גאסט וויזען, אז דער בונד צווישען רוסלאנד און פראנקרייך איז געשטיצט אויף די ברודערשאפט פון מיליאנען סאלדאטען. אין פאל פון א נויט קען דער רוסיש־פראנצויזישער בונד ארויסשטעלען א געוואלטיגע קראפט, געגען וועלכע מען וועט זיך ניט גרינג קענען בעשליסען מלחמה צו האלטען. נאר דער רוסיש־פראנצויזישער בונד שרעקט שוין איצט מעהר קיינעם ניט אין אייראפא: אלע וויסען, אז דער בונד איז געגרינדעט ניט צוליעב מלחמות, נאר אויף צו שטיצען דעם שלום. דער צווייבונד צוזאמען מיט דעם דרייבונד זענען איצט די צוויי גרויסע כחות, וואס היטען אב דאס גלייכגעוויכט אין אייראפא.

אין דייטשלאנד איז מען פון דעסטוועגען ניט זעהר צופרידען מיט דער גרויסער קרובה'שאפט צווישען רוסלאנד און פראנקרייך. קייזער

---

דאס קלאגעדיגע קול איז איצט געווארען העכער, מורא'דיגער און אויסגעצויגען, און א ווידערקול האט אנגעקלונגען אין אלע זייטען. יא! דאס קול דערהערענדיג ווערט דאס בלוט פון די וואנדערער און האלצהעקער אין די אדערן געגליווערט, זיי פערליערען גאר דעם קאפ, ווערען צומישט און לויפען אליין נישט וויסענדיג וואו אהין, און גאנץ אפט פאלען זיי דעם טיגער גלייך אין מויל אריין.

אויף א מענשען! — דער אלטער וואלף האט די ווייסע צייהן ארויסגעוויזען — וואס פארע חוצפה! צי האט ער ווייניג פרעש און ווערים אין זיינע בלאטעס דארטען, וואס ער דארף אנפאלען אויף א מענשען און דערצו נאך אין מיין געגענד! די קלוגע ו אלדנועצען, פערזאגען צו עסען מענשען, חוץ ווען מען דארף ווייזען די קינדער און אויסלערנען זיי, ווי אזוי מען נעמט זיך צו א מענשען, און אויך ביי דעם פאל מעג מען דאס טהון נור אויף דער אנדערער זייט גרעניץ פון דער געגענד, אין וועלכער עס וואהנט א געוויסע משפחה אדער א געוויסער מין. און עס איז גאנץ לייכט צו פערשטעהן, פאר וואס דאס געזעץ פערוועהרט דאס: אז א מענש ווערט געהרג'ט, קומען אן, פריהער צי שפעטער, אין דעם וואלד אריין די ווייסע מענשען מיט ביקסען בעוואפענט, אויף העלעפאנטען רייטענדיג, און גאנצע מענגען שווארצע מענשען מיט די גלאקען און האמערס און ברענעדיגע שטאלקאצען אין די הענד און דעמאלס ליידט דער גאנצער וואלד, די חיות אליין ערקלערען די כונה פון דעם געזעץ אנדערש: לויט זייער מיינונג איז דער מענש דאס שוואכסטע, אונבעהאלפענסטע בעשעפעניש אויף דער גאנצער וועלט, און אנצופאלען אויף אזא בעשעפעניש פאסט נישט פאר א יעגער, וואס שיינט זיין כבוד; דערצו איז מענשענפלייש נישט געזונד פאר'ן מאגען, מען קריינקט דערפון, און עס מאכט קאליע די צייהן.

דאס געשריי האט זיך צולעגט אלץ העכער און העכער, ביז מען האט נור געהערט א דונערנדיגע שטימע „אאארה!" דאס איז דער מלחמה־אויסרוף פון טיגער, ווען ער ווארפט זיך אויף זיין קרבן, און דערנאך האט זיך ווידער געהערט א וואיען, א שרעקליכעס, וואס פאסט נישט פאר קיין טיגער.

— ר'האט נישט געטראפען — האט די אלטע וועלפין געזאגט.

— וואס איז דאס? וואס זאל דאס בעטייטען?

דער וואלף האט זיך אומגעקוקט און געהארכט, ווי שער קאהן האט ווילד שרייענדיג זיך געווארפען צווישען די געוויקסען.

— דער נאר דער! זיין שכל האט איהם אויסגעטראגען, אריינצולאזען זיך אין דעם פייער פון די האלצהעקער און אבצורייבען זיך די פיס — האט דער וואלף געברומט — טאבאקי געהט מיט איהם.

— וואס חאפט זיך דארט ארויף אופ'ן בארג? — האט די וועלפין געפרעגט, אויפהארכענדיג.

— שטיל! — עפיס האט זיך דארט לייכט גערודערט צווישען די צווייגען: דער אלטער וואלף האט זיך צוגעגרייט א שפרונג צו נעבען. און אז איהר וואלט דארט געווען, וואלט איהר געזעהן עפיס א וואונדערליכע זאך: אין מיטען שפרינגען האט זיך דער וואלף אבגעהאלטען, געווארפען זיך, נישט וויסענדיג אויף וואס, און אין דער לופט הענגענדיג האט ער זיך צוריקגעהאלטען; אט אזוי האט ער זיך דערהויבען 4—5 איילען אין דער הויך און איז אראבגעפאלען אויף דעמועלבען ארט, וואו ער איז געשטאנען.

— א מענש! — האט ער געזאגט — א מענשען קינד! זעה!

פאר איהם איז געשטאנען אנגעלעהנט אויף א צווייג א קינד, פינסטער און נאקיט, וואס האט קוים געקענט געהן אויף די פיס, — דאס איז געווען דאס טהייערסטע און ליעבסטע בעשעפעניש פון אלע, וואס די וועלפישע הייל האט ווי אמאל פאר זיך געזעהן. דאס קינד האט אויפגעהויבען די אויגען, אנגעקוקט דעם אלטען וואלף און האט אנגעהויבען צו לאכען.

ווילהעלם בענוצט יעדע געלעגענהייט צוצוציהען צו זיך פֿראַנקרייך און אַריינצוטרעטען אין אַ גרעסערע התקרבות מיט רוסלאַנד. איבער אַ פּאָר חדשים אַרום קלויבט זיך דער דייטשער קייזער קיין פּעטערבורג, כּדי אָבצוקיהלען אַביסיל די הייסע ליעבע, וואָס עס ברענט אין רוסלאַנד צו פֿראַנקרייך. דערווייל איז נאָך די דייטשע רעגירונג שטאַרק פֿערנומען ביי זיך מיט דער פּוילישער פראַגע. מען דאַרף, ווי עס פֿערשטעהט זיך, ניט מיינען, אַז דייטשלאַנד איז חלילה אין סכנה צוליעב די פּאָליאַקען, וואָס וואָהנען אין פּאָזען. די דייטשע פּאָליאַקען ווילען נור אָבהיטען זייערע אייגענע רעכטע, זיי ווילען זיך ניט אָבזאָגען פֿון דער ערד, אויף וועלכער זיי וואָהנען פֿון דור דורות, זיי ווילען ניט פֿערבייטען זייער מוטערשפּראַך און ראַנגלען זיך מיט אַלע זייערע כּחות געגען די בעמיהונגען פֿון דער פּרייסישער רעגירונג, וואָס וויל אויסמעקען יעדען סימן פֿון דעם נאַציאָנאַלען פּוילישען לעבען. נאָך אין יאָהר 1886 האָט די פּרייסישע רעגירונג בעשטימט אַ קאַפּיטאַל פֿון 100 מיליאָן מאַרק אויף צו שטיצען די דייטשע קאָלאָניזאַציע אין פּאָזען, דאָס הייסט אויף צו בעזעצען דייטשע קאָלאָניסטען אויף דער ערד וואָס ווערט אויסגעקויפֿט פֿון פּוילישע פּאָמעשטשיקעס און פּוילישע פּויערים. די פּאָליאַקען האָבען אָבער אויך פֿון זייער זייט געטהון אַלעס מעגליכע, כּדי ניט אַרויסצולאָזען זייער ערד פֿון די הענד. אין פֿערלויף פֿון עטליכע יאָהר האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די ערד, וואָס עס געפֿינט זיך אין פּוילישע הענד, ווערט נאָך אין פּאָזען אַלץ גרעסער. דערום האָט די פּרייסישע רעגירונג אין יאָהר 1898 פֿערגרעסערט איהר קאַפּיטאַל אויף קויפֿען פּוילישע ערד ביז צו 200 מיליאָן. פֿון דעם דאָזיגען קאַפּיטאַל איז איצט געבליבען נור 56 מיליאָן. פֿאַר די גאַנצע צייט האָט פֿון דעם דאָזיגען געלד די פּרייסישע רעגירונג אויסגעקויפֿט ביי פּאָלאַקען 164 טויזענד העקטאַר ערד. פֿון זיי זענען 100 טויזענד העקטאַר פּונאַנדערגעגעבען געוואָרען דייטשע קאָלאָניסטען. אַזוי אָבער ווי פֿון דעם קאַפּיטאַל פֿון 200 מיליאָן איז שוין זעהר ווייניג געבליבען, און אַזוי ווי די פּוילישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג אין פּאָזען ווערט נאָך אַלץ ניט אָבגעשוואַכט, ווייל צו דערזעלבער צייט קויפֿען זיך דאָרט די פּאָליאַקען אויך נייע גיטער, האָט די פּרייסישע רעגירונג איצט בעשלאָסען פֿאָרצולעגען דעם פּאַרלאַמענט צו בעשטימען נייע 150 מיליאָן מאַרק אויף די דייטשע קאָלאָניזאַציע אין פּאָזען, אַזוי אַז דער דייטשער פֿאָנד פֿאַר פּאָזען וועט איצט בעשטעהן פֿון 450 מיליאָן מאַרק.

דער פּרייסישער פּאַרלאַמענט האָט שוין ניט איין מאָל אויסגעדריקט זיין הסכם מיט דער רעגירונג בנוגע צו דער פּוילישער פראַגע אין פּאָזען, און עס איז אָהן אַ שום ספק, אַז ער וועט געוויס בעשטעטיגען אויך די איצטיגע גרויסע פֿאָדערונגען פֿון דער רעגירונג. די פּרייסישע רעגירונג האָט איצט דעם פֿעסטען רצון צו מאַכען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ סוף מיט דער פּוילישער פראַגע ביי איהר אין לאַנד, און די גרעסטע סכנה וועט געוויס אַרויסקומען פֿאַר די פּאָליאַקען, ווען זיי וועלען בלייבען, ווי מיר יודען, אַ פֿאָלק אָהן אַ לאַנד. די פּאָליאַקען זענען ניט אַזוי אָבגעזונדערט פֿון אַנדערע פֿעלקער אַזוי ווי די יודען און פֿאַר זיי איז די ערד דערום אַסך וויכטיגער ווי פֿאַר אונז. זענען נור די פּאָליאַקען אָבגעריסען פֿון דער ערד, פֿערלירען זיי דערמיט אויך זייער נאַציאָנאַלעס לעבען.

מלוכות פֿערשווינדען און מלוכות ענטשטעהען. פֿאַר אונזערע אויגען ווערען הרוב געמאַכט צוויי זעלבסטשטענדיגע מלוכות: טראַנסוואַל און אָראַניען, און איצט זעהען מיר, ווי עס ענטשטעהט אַ נייע מלוכה — די רעפּובליק אויף דער אינזעל קובאַ. די דאָזיגע אינזעל האָט פֿיעל זיך אָנגעליטען אונטער דעם שפּאַנישען יאָך. די שפּאַניער האָבען אויסגעזויגען אַלע קרעפֿטען פֿון דער אינזעל. די איינוואָהנער האָבען זיי תמיד גערודפ׳ט און געפּייניגט. אויף אַלע מרידות, וואָס זענען געוועזען אויף דער אינזעל, האָט שפּאַניען געענטפֿערט מיט בלוטיגע רציחות. ערשט

— אַ מענשען־קינד, זאָגסט דו — האָט די וועלפֿין איבערגעפֿרעגט — איך האָב נאָך דאָס קיינמאָל נישט געזעהן, ברענג עס ניר אהער.

דער וואָלף, וואָס איז געוואָהנט צו צוטראָגען זיינע קינדער, קאָן — אַז מען זאָל נור דאַרפֿען — איין איי אין מויל טראָגען און גאַנצערהייט עס אַנידערלעגען. און חאָטש ער האָט געהאַט דאָס קינד צווישען די צייהן, האָט ער עס דאָך אַנידערגעשטעלט צווישען זיינע קינדער גאַנץ, און עס האָט קיין ריהר נישט געהאַט אויף דער הויט.

— אַט, וואָס פֿאַר אַ קליינס! וואָס פֿאַר אַ נאַקיטעס! וואָס פֿאַר אַ מוטהיגעס! — האָט די אַלטע וועלפֿין געזאָגט גערידהרט.

דאָס קינד האָט זיך אָנגעלעהנט אויף די קליינע וועלפֿליך, כּדי זיך בעסער איינצוטוליען אין דעם וואַרימען, וועלפֿישען פֿוטער.

— נו, עס זייגט צוזאַמען מיט מיינע... איז דאָס אַ מענשען־קינד... זאָג׳זשע, אַלטע, צי איז פֿאַרהאַן אויף דער וועלט אַ וועלפֿין, וואָס זאָל זיך קענען בעריהמען, אַז זי האָט געוויגען אַ מענשען־קינד צוזאַמען מיט איהרע אייגענע קינדער?

— איך האָב עפּיס אַמאָל געהערט וועגען דעם, נאַר דאָס האָט זיך נישט געטראָפֿען אין אונזער געגענד און נישט אין אונזערע צייטען — האָט דער וואָלף געענטפֿערט — וועה, ס׳האָט גאָר קיין פֿעל נישט, קיין איין האָהר נישט, כ׳וואָלט עס געקענט דערוואַרגען מיט איין ריהר פֿון מיין פֿוס.

די וועלפֿין האָט אַ בייזען קוק געגעבען אויפֿ׳ן פֿאַמיליען־פֿאָטער. דער אַלטער וואָלף האָט זיך געאיילט צו זאָגען:

— זעהסט, עס קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע גרויסע אויגען. עס לאַכט און האָט גאָר קיין מורא נישט.

פּלוצלינג איז אין דער הייל פֿינסטער געוואָרען, דער שײַן פֿון די לבנה איז פֿערשוואונדען, און אין דער עפֿנונג פֿון דער הייל האָט זיך בעוויזען דער גרויזאַמער, עקעדיגער, שטאַרקער שטערן פֿון שער קאַהן. אונטער איהם איז געשטאַנען טאַבאַקי און האָט מורא׳דיג געפּישטשעט אַזוי:

— דאָ איז זי אַריינגעגאַנגען, מיין הער, דאָ איז זי אַריין!

— דער בעזוך פֿון שער קאַהן איז פֿאַר אונז אַ גרויסער כּבוד — האָט איהם בעגריסט דער וואָלף, און די אויגען האָבען געפֿינקעלט מיט כּעס — וואָס פֿערלאַנגט שער קאַהן?

— דאָס מייניגע! אַ מענשליך קינד איז דאָ אַריינגעגאַנגען. די עלטערן זענען אַנטלאָפֿען. גיט׳זשע מיר אָב דאָס קינד.

דער וואָלף האָט קיין טעות נישט געהאַט, שער קאַהן איז אַריין אין פֿייער, וואָס די האָלצהעקער האָבען אָנגעלעגט, און ער האָט זיך אָבגעבריהט, און דער וועטהיג פֿון דער פֿרישער וואונד האָט איהם צורייצט. דער וואָלף האָט אָבער געוואוסט, אַז די שפּאַרע פֿון דער הייל איז צו שמאָל, אַז דער טיגער זאָל קאָנען אַריין; דאָס אָרט, וואו דער טיגער איז יעצט געשטאַנען, איז אויך געוועזען געענג ענג און שמאָל, אַזוי אַז די פֿיס זיינע זענען געוועזען צוזאַמענגעפּרעסט, ווי די גליעדער פֿון אַ מענש, וועלכער איז פֿערמאַכט אין אַ פֿעסיל.

— די וועלף זענען אַ פֿריי פֿאָלק — האָט אַם ענדע אַרויסגערעדט דער וואָלף — צו בעפֿעהלען איבער אונז האָט נור אונזער אויבערדאַר, און נישט עפּיס דער ערשטער בעסטער בהמה־פֿרעסער. דאָס מענשליכע קינד איז אונזערס, און מיר קאָנען עס שיצען און הרג׳נען, ווי מיר ווילען.

— ווילען, נישט ווילען! וואָס איז דאָס פֿאַר רייד. איך שווער ביי׳ם אָקס, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג דערוואָרגען! דאַרף איך דאָ איצט שטעהן, אַריינשטעקען מיין נאָז אין אייער הונדס לאָך און וואַרטען, ביז איהר וועט מיר אָבגעבען דאָס מייניגע? דאָס רעד איך, פֿערשטעהט איהר, איך — שער קאַהן!

אין יאהר 1898 האט זיך אמעריקא אנגענומען פאר די אומגליקליכע איינוואהנער פון דער אינזעל און האט אנגעהויבען פון איהרטוועגען א מלחמה מיט שפאניען. די פעראייניגטע שטאטען האבען פערטריבען פון דארטען די שפאניער און בעזעצט די אינזעל מיט זייערע סאלדאטען, נאר די פעראייניגטע שטאטען האבען ניט צוגענומען די אינזעל פאר זיך ווי מען האט זיי חושד געווען, און זיי האבען איבערגעגעבען די איינוואהנער דאס רעכט זיך צו גרינדען איין אייגענע פרייע רעפובליק. דעם 20־טען מאי איז געפייערט געווארען די גרינדונג פון דער נייער מלוכה. די אמעריקאנער האבען אליין אראבגענומען אין האוואנא, די הויפטשטאדט פון קובא, זייער פאהן, און אנשטאט איהר איז דאס ערשטע מאל ארויסגעהאנגען געווארען די קובאנישע פאהן. די אינזעל האט שוין איהר אייגענעם פארלאמענט, און הערר פאלמא איז דער ערשטער פרעזידענט פון דער זעלבסטשטענדיגער קובאנישער רעפובליק.

דער עסטרייכישער פארלאמענט האט אנגענומען דעם בודזשעט אהן די געוועהנליכע גרויסע ויכוחים איבער אלגעמיינע פאליטישע פראגען. איצט, אז דער פארלאמענט האט שוין א ביסיל מעהר פרייע צייט, וויל מען וויעדער ארויסשטעלען די פראגע וועגען שפראכען. די נאציאנאלע מחלקות'ן זענען צוליעב דעם בודזשעט נור אבגעלעגט געווארען אויף א געוויסע צייט און איצט וועט זיך פון דאס ניי אנהויבען די רייסעריי צווישען די עסטרייכישע נאציאנען איבער איינע פון די שווערסטע פראגען. י. ל.

## שפאצירגייענג דורך בערלין.

I.

ווען מען האט אפאר פעניג אין קעשענע און דערצו אפאר גאנצע קאמאשען, דארף מען אין בערלין צו פוס ניט געהן. די צייט איז טייער און פאהר־ען איז ביליג. פאר 10 פעניג (דאס איז וועניגער ווי 5 קאפיקעס) קאן מען דא פאהר־ען און פאהרען אמאל מיט דער שטאדטבאהן, אמאל מיט א עלעקטרישען וואגען אדער מיט א אמניבוס, ווי עס קומט אוס. מען קאן איצט פאר 10 פעניג זיך דורכפאהרען אונטער דער ערד אין א גאניץ גוטען רייכען וואגאן און זיצען אויף ווייכע סאמעטענע בייגק. עס איז אויבען א וועלט און אונטען אויך א וועלטיל. דער עולם לויפט, פליהט אהין און אהער. דער זוכט פרנסה און דער — פערגניגען. אלע זענען פעראימפעט, פערהויעט און צוקאכט. דאך איז דאס אויף זייער פנים ניט צו מערקען. פון אויס'ן זענען אלע סטאטעטשנע, רוהיג און קאלטבלוטיג. דער דייטש בעהאלט זיין ענערגיע גאניץ טיעף אין הארצען אלע זענען ציגעשפילעט, פעבארסטען, די וואנצען זענען אויסגעצויגען און פערדרעהט מיט א שפיץ ארויף. די מענער זענען מיט פיעל מעהר געשמאק בעקליידעט ווי די פרויען. אלע זענען ווי אויסגעמושטירט צום געהען. ווען די געהן רעכטס, געהן די לינקס. קיינער פלאנטעט זיך ניט אונטער די פיס. רעדלען קלייבען זיך ניט צונויף אויף די גאסען, און קיינער טראגט ניט א שמוציגען אדער א צוריסענעם בגד. דער ארימאן טראגט אויך א אויסגעפוצטען, גאנצען בגד, ווען אפילו א אלטען.

אבער ניט די דייטשען בין איך אויסען. איך וויל אייך, ליעבע לעזער, אויף מיין שפאצירגאנג מיט די יודען אין בערלין בעקאנט מאכען. נא, היינטיגען מאל שפאצירען מיר אריין אין קאפיי "מאנאפאל".

די עכטע דייטשען, ד. ה. די קריסטען, די פערברייגגען זייער פרייע צייט אין רעסטאראן אדער אין א ביערהאלע. אהן ביער בעגעהט זיך ניט קיין אונטערהאלטונג, קיין שמחה, קיין געזעלשאפט. אין רעסטאראן זיצט דער דייטש אפאר שעה ביי'ן קריגיל ביער מיט זיין חברה. דער קעלנער פאסט אויף, אז די געסט זאלען ניט זיצען חלילה נעבען א פוסטען קריגיל, — דאס איז די גרעסטע חרפה. ווי איין קריגיל ווערט פוסט,

דעם טיגער'ס קול האט זיך צולענט ווי א דונער אין דער גאנצער הייל. די וועלפין איז אויפגעשפרונגען מיט כעס און איז צוגעלאפען צו שער קאהנ'ן. די אויגען איהרע, וואס האבען געפונקעלט אין דער פינסטער, האבען געקוקט דעם טיגער גלייך אין זיינע ברענענדיגע אויגען אריין.

— הער'זשע, וואס איך זאג דיר טייוועל, דאס מענשליכע קינד, הינקענדיגער הונד דו, איז מיינ'ס, דו הערסט, מיינס! קיינער וועט איהם גאר נישט טהון! לעבען וועט עס און לויפען און געהן אויפ'ן געיעג מיט אונז אלע צוזאמען, און דו, דו יענער אויף נאקיטע קינדער, דו פרעשפרעסער, דו פישען־האפער, דו, היט דיך, מען זאל דיר נישט דיין הויט אריבערציהען איבער דיינע קעצענע אויערען. און איצט — מארש! אדער — ביי'ם סאמבור, וואס איך האב ערשט געטייט! — קיין נבלות עס איך נישט — זאג איך דיר, אז דו וועסט צוריקקומען צו דיין מאמען, די אבגעבריהטע בהמה, נאך מעהר הינקעדיג ווי דו ביזט אויף דער וועלט געקומען! געה!

דער אלטער וואלף האט פערוואונדערט אנגעקוקט זיין אלטע, ער האט שוין גאר אין גאנצען געהאט פערגעסען די צייט, ווען ער האט זי בעקומען נאך א שווערער, אפענער מלחמה מיט פינף קאנקורענטען, און נישט בחנם, נישט אלם קאמפלימענט האט מען זי אין דער גאנצער געגענד גערופען "דער טייוועל".

שער קאהן וואלט געקענט מלחמה האלטען מיט'ן וואלף, נאר האבען צו טהון מיט דער אלטער — דאס איז געווען צו שווער פאר איהם. דא, אין דיער הייל, וואלטען די וועלף אוודאי שטארקער געווען פאר איהם; זיי קענען זיך דא פריי בעוועגען און וואלטען מלחמה געהאלטען ביז צום לעצטען אטהעם. שער קאהן האט זיך מישב געווען — און האט זיך אבגעטראגען, און אז ער איז שוין ארויסגעקומען אויף דער פרייער לופט, האט ער געברומט:

— יעדער הונד בילט אין זיין נארע. מיר וועלען זעהן, וואס אונזער קהל וועט פסק'נען וועגען דעם קינד; מיר געהערט עס, און נור מיינע ציינער ברויכען דערמיט אנ'עק צו מאכען; גנבים אזעלכע, ווידלען שטעכעדיגע.

די וועלפין איז אנידערגעפאלען מיעד צווישען די קינדער, און דער וואלף האט געזאגט מיט שטאלץ:

— הער, שער קאהן איז נישט אין גאנצען אומגערעכט. דאס קליינע מוז מען פארשטעלען פאר דער געמיינדע. צי ווילסט דו עס, אלטע, דוקא האלטען ביי דיר?

די וועלפין האט גערעדט אויפגערעגט:

— צי איך וויל עס? עס איז געקומען נאקיט נעביך, הונגעריג, בייינאכט, אליין, אזא שענעס! זעה, איינס פון אונזערע האט זיך אביסיל אבגערוקט פון מיר; דער הינקעדינער רוצח וואלט עס באלד געהרג'ט און וואלט געלאפען זיך בעהאלטען אין טהאל וואינגונגי; דערזוייל וואלטען די פויערען אויף אונז אנגעפאלען און וואלטען זיך נוקם געווען. צי איך וויל עם האלטען? עס פערשטעהט זיך! נאר רוהיג, קליינעס... א נאמען גיב איך איהם מאווגלי. עס וועט קומען א צייט, אז מאווגלי וועט געהן אויף מלחמה מיט'ן טיגער, און אויף איהם אנפאלען, פונקט ווי דער טיגער איז היינט אויף איהם אנגעפאלען —

— נאר וואס וועט די געמיינדע דערויף זאגען? — האט דער וואלף געקלערט.

(פארטזעטצונג קומט).

דערלאַנגט ער שוין דעם צווייטען, דעם דריטען און ז. וו. ער פֿרעגט גאָר ניט דעם גאַסט, אויב ער זאָל דערלאַנגען נאָך און נאָך. דאָס פערשטעהט זיך פֿון זיך אַליין. עס איז גאָר קיין קַשְׁיָה ניט. דער עכטער דייטש לייענט ניט קיין פֿיעל צייטונגען. יעדער גאַסט האָט זיין ליעבלינגס־צייטונג. אָן דער איין צייטונג האַלט ער זיך טריי, ביז וואַנען ער לעבט און די צייטונג לעבט. פֿון זיין צייטונג שעפּט ער אַלע זיינע פּאָליטישע מיינונגען און הכמות און דיינקט ווי די צייטונג דיינקט. דער דייטש זיצט זיך רוהיג ביי'ן קריגיל ביער, גיט אַ זופּ ביער און אַ זופּ פּאָליטיק. ווען עס זיצען אַרום ביערטיש אַ גאַנצע חברה, דערצעהלען זיי זיך גלייכווערטליך, אַלטע, טומפּע וויטצען און לאַכען פֿון גאַנצען הארצען, לאַכען געזונד, שטאַרק און געשמאַק. זיי קאָנען דערצעהלען איין וויטץ, איבערקייען איין גלייכווערטיל אַלע אָוונד אין דעם פּערלויף פון צוואַנציג יאָהר און יעדעס מאָל לאַכען ווי מען הערט דאָס צום ערשטען מאָל. דעם דייטשען ווערט דאָס ניט מיאוס צו דערצעהלען אָדער צו הערען.

די יודען פֿערברייננגען זייערע פֿרייע שטונדען אין די קאַפֿיי־הייזער, וואו עס זענען פֿאַרהאַן פֿיעל צייטונגען אין פֿערשיעדענע לשונות. איך רייד דאָ פֿון דער יודישער אינטעליגענץ, פֿון די געבילדעטע. די יודען לעזען צייטונגען מיט פֿיעל מעהר חשק, מיט פֿיעל מעהר אינטערעס ווי דער קריסט. דער יוד בעגנוגענט זיך ניט מיט איין צייטונג, ער וואַרפֿט זיך מיט היים־הונגער אויף אַלע גרויסע צייטונגען, וועלכע ערשיינען אין בערלין, וויען, פּאַריז און לאָנדאָן. דאָס לייענען צייטונגען איז ביי דעם יודען ניט נור נייגיער, עס איז אידם אויך נויטהיג צו וויסען, וואָס עס טהוט זיך, וואָס עס פּאַסירט יעדע מינוט אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט. זיין לעבען, זיינע געשעפֿטען, זיינע פּלענער, זיינע האָפֿנונגען הייגגען אָב פֿון אַלעס, וואָס עס געהט פֿאָר אויף דער וועלט. דער היגער יוד, — ווי ער רעדט זיך ניט איין, דאָס ער איז דורך און דורך דייטש, — אינטערעסירט זיך דאָך, מעהר אָדער וועניגער, מיט דער לאַגע פֿון די יודען אין אַלע לענדער. יעדע ידיעה אין די גרויסע צייטונגען איבער די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די יודען אין די ווייטע לענדער ווערט פֿערשלונגען. טיעף אין האַרצען פֿיהלט דאָך דער היגער יוד, דאָס עס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישען איהם און זיינע „גלויבענסגענאָסען" אין דער גאַנצער וועלט. ווען עס ווערט ערגער די יודישע לאַגע אין פֿראַנקרייך, קאָן זיך דאָס שלעכט אָברופֿען אויף זיין לאַגע אין דייטשלאַנד; ווען די יודען לויפֿען אַוועק פֿון רומעניען אָדער פֿון אַנדערע לענדער, — קאָנען זיי מאַסענווייז אָנקומען אין דייטשלאַנד און פֿערשטאַרקען דאָ דעם אַנטיסעמיטיזם. דער היגער יוד, ווי ער איז ניט שטאָלץ אויף זיין פֿאַטער־לאַנד, ווי ער האַלט זיך ניט פֿעסט אויף זיין אָרט, ווי זיין מאַטעריעלע לאַגע זאָל ניט זיין גוט, פֿיהלט ער זיך דאָך ניט גאַנץ זיכער און הערט זיך צו גאַנץ אויפֿמערקזאַם צו יעדען ווינטיל, וואָס בלאָזט אין דער פּאָליטישער וועלט.

ליעבע לעזער און געדולדיגע לעזערין, זייט זיך אַביסיל מַטְרִיחַ און שפּאַצירט מיט מיר אַריין אין די גרויסע קאַפֿיי־הייזער פֿון בערלין, וואו עס קומען ביז אַפּאָר הונדערט צייטונגען, דאָרטען וועלען מיר זיך בעקענען מיט די דייטשע יודען. מיר וועלען ניט קריכען צו זיי מיט אַ ברייטען שלום־עליכם, און מיר וועלען זיי ניט בעלעסטיגען מיט פֿראַגען א. ד. ג. מיר וועלען זיי נור פֿון דער ווייטען בעטראַכטען.

היינטיגעס מאָל, ווי געזאָגט, וועלען מיר בעזוכען קאַפֿיי־„מאַנאָפּאָל". קאַפֿיי־מאַנאָפּאָל איז אַפּאָר טריט פֿון דעם וואָקזאַל „פֿריעדריך־שטראַסע", אין העפטען מיטעל־פּונקט פֿין בערלין. טאָג ווי נאַכט אָהן אַ אויפֿהער קאָכט דאָרט, די בעוועגונג איז שטאַרק אָהן אַ ברעג. מענשען, וועגען, ציגע, אָמניבוסען, כל אַ מיני ברואים, פֿון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע ביז בייטעל־שניידער און רויב־פֿויגעל אין מענשליכער געשטאַלט, לויפֿען פֿאַהרען אַהין און צוריק. אין קאַפֿיי־מאַנאָפּאָל בעגעגנען זיך דורכפֿאָהרענדע פֿון דער גאַנצער וועלט. צווישען די געסט וועט איהר שטענדיג געפֿינען דעם גרעסטען טהייל יודען. דאָ איז זעהר אַ גוטער פּונקט צו טרעפֿען ווייטע ברידער, אָדער גלאַט געשעפֿטס־מענשען פֿון דער גאַנצער וועלט. דער קריסט לעבט אין אַ פֿיעל ענגערען קרייז, ער האָט ניט קיין ווייטע פֿערבינדונגען. דער בערלינער יוד אָבער שטעהט אין פֿערקעהר מיט דער גאַנצער וועלט, ער מאַכט געשעפֿטען מיט דער אַלטער און דער נייער וועלט; ער האָט אויך קרובים און בעקאַנטע אין פֿערשיעדענע לענדער און דערום האָט ער שטענדיג די מעגליכקייט צו טרעפֿען אין „מאָנאָפּאָל" אַ גאַסט פֿון דאָגען, פֿון דאָרט. איין דורכרייזענדער, וואָס האָט אַפּאָר שעה צייט פֿון איין צוג ביז דעם אַנדערען, בעזוכט געוועהנליך דעם קאַפֿיי־מאַנאָפּאָל, דען דאָ טרעפֿט ער בעקאַנטע און דאָ געפֿינט ער צייטונגען אין זיין שפּראַך, וואָס ער לייענט. אין „מאָנאָפּאָל" קומען צוזאַמען אויך רוסישע, פּוילישע און רומענישע יודען, וועלכע וואָהנען שטענדיג אין בערלין. דאָ זענען „כל ישראל חברים", אַלע יודען איינס. די אויסלענדישע יודען טרעפֿען זיך צוזאַמען מיט די דייטשע. ניט אַזוי לייכט איז אמת צו בעקענען זיך, און ווער רעדט צו בעפֿריינדען זיך, מיט אַ דייטשען יוד, אָבער אין „מאָנאָפּאָל" געהט דאָך די זאַך שנעלער.

אין קאַפֿיי־מאָנאָפּאָל קומען צוזאַמען די ציוניסטען פֿון בערלין, האַלט מען אָב קאָמיטעט־זיטצונגען; דאָ בעגריסט מען דורכרייזענדע בעקאַנטע ציוניסטען. אין „מאָנאָפּאָל" קומט מען לייענען די „וועלט", די „אַלגעמיינע צייטונג דעם יודענטהומס", ווער ניט ווער אויך — די „יודישע פּרעסע". אַרום אַ טישיל ניט ווייט פֿון ביפֿעט וועט איהר טעגליך געפֿינען דעם ד"ר ש., איינעם פֿון די לעהרער אין דער יודישער האָכשולע, אַהער קומט ער טרינקען זיין קאַפֿיי און לייענען זיינע אונגאַרישע צייטונגען. אָפֿט זיצען אַרום איהם ראַבינער־קאַנדידאַטען און רעדען איבער רעליגיאָנס־פֿילאָזאָפֿיע, איבער יודישע געשיכטע און ד. ג.

אין קאַפֿיי־„מאָנאָפּאָל" וועט איהר צווישען 6 און 7 אַ זייגער געפֿינען אייניגע יודישע פּריוואַט־דאָצענטען, אויך יודישע פּראָפֿעסאָרען. פֿיעלע פֿון זיי קאָנען, איבער פֿערשיעדענע טעמים, ניט אויפֿנעהמען ביי זיך אין דער היים וועמען זיי ווילען, בעזונדערס ווען איינער זעהט אויס צו יודיש. דאָ איז אָבער אַלעס ערלויבט. דאָ זענען אַלע פֿעלקער גלייך. דאָ קאָן מען הער׳ען, אויך גוט אויסברייגגען אַ יודישען וויטץ. ניט אַלעמען פּאַסט צו האַלטען אין דער היים אַ יודיש־דייטשעס בלאַט: עס קאָן שאַדען. קינדער, אָדער די דיענסטען דאַרפֿען אַזעלכע זאַכען ניט זעהען. אָבער אין מאָנאָפּאָל קאָן מען אַפֿילו אַביסיל רעדען און זיך מתוכּח זיין איבער יודישע זאַכען. געוועהנליך ניט צו הויך, און ניט צו הייס. ווען מען דאַרף אויף גיך צונויפֿקלייבען קליינע נדבות אויף נויטהיגע זאַכען — און אַזעלכע זאַכען זענען דאָך שטענדיג דאָ — שפּרינגט מען אַריין אין „מאָנאָפּאָל", און מען געהט ניט אַרויס צוריק מיט ליידיגע הענד. דער עולם איז שוין דאָ געוועהנט צו אַזעלכע „אָנפֿאַלען", אַ גוי ניט ניט, אָבער אַ יוד ווייס שוין, דאָס ער דאַרף געבען, ווען ער נעמט ניט. אין „מאָנאָפּאָל" קומען צונויף, בעזונדערס אין אָוונד אויך גאַנצע יודישע פֿאַמיליען אַביסיל פּלוידערן. דאָ אין טומעל, אין דער געמישטער געזעלשאַפֿט, אין דער נאָהענט פֿון באַהן, צווישען בערג צייטונגען, פּלוידערט זיך געשמאַקער, לעבעדיגער, דאָ

קאן מען טרעפען אויך אנדערע בעקאנטע פאמיליען, און עס קאסט קיין געלד. יעדערער צאהלט פאר זיך.

אין „מאנאפאל“ קומען א־יך טעגליך פיעל יודישע קארעספאנדענטען פון אויסלענדישע ציימונגען. דער ריח פון „מאנאפאל“ שמעקט פון פיעל זייערע בריעף. דא האפט מען אין דער לופט נייעס, דען אין „מאנאפאל“ ווערען געבארען אפט־מאל ליטערארישע אונטערנעהמונגען, ליטערארישע־געדאנקען, פלענער און ז. וו.

דא אין „מאנאפאל“ וועט איהר אויך געפינען „לופט־יודען“ נאך דעם דייטשען נוסח. זיי זיצען אין דעם קאפע־הויז טעגליך שעות לאנג. זיי קליידען זיך נאך דער לעצטער מאדע און פערשטעהען פערשיעדענע לשונות, אבער זיי האבען ניט קיין שטענדיגע פרנסה, קיין בעשטימטע בעשעפטיגונג. זיי זיצען אין „מאנאפאל“ אין דער האפנונג אפשר וועט זיך וואס מאכען, אפשר וועלען זיי וואס דערטאפען, געוואהר ווערען. דא קומען דאך צוזאמען מענשען פון א גאנצער וועלט, ברויכט מען אויך „לופט־יודען“, וועלכע זענען געניט אין דער וועלט. דא איז ניטא קיין „אנטיסעמיטען“, ווייל דא זענען כמעט גאר קיין קריסטען ניטא, און די קריסטען, וועלכע קומען אהער, זענען מעהר אדער ווייניגער אינטערנאציאנאל, אז גאט גיט נאך אביסיל פערוודעט.

פאר היינטיגעס מאל גענוג. ר. בריינין.

## ציימונגס־שטימען.

מיט דעם נאמען האקאטא בעצייכענט מען די דייטשע פאליטיק גענען פוילען אין די פויליש־דייטשע פראווינצען — פאזען און פאמערן. די פאליטיק בעשטעהט אין דעם, וואס דייטשלאנד ווענדט אן פערשידענע מיטלען און ניט זיך מיה ווי ארויסצושטופען די פוילען, די אלטע, היימישע איינוואהנער פון די פראווינצען און בעזעטצען אויף זייער ארט עכטע דייטשען.

אין אנהויב האט די דייטשע רעגירונג אויסגעפונען א קאפיטאל געלד, מיט דעם צוועק, אויף געזעצליכען אופן אבצוקויפען ביי די פוילען זייערע גיטער, זייער ערד, כדי אליך מעהר און מעהר צו מאכען די דייטשען פאר די בעלי־בתים אין דיזעלבע פראווינצען. אז אין א פערלויף פון צעהן יאהר און מעהר האט זיך ארויסגעוויזען, אז אויף דעם אופן געהט שווערליך צו דאס אב־יַרש׳ן די פוילען, ווייל די היימישע גוטסבעזיטצער פערשטעהן וואס מען מיינט און לאזען זיך אזוי צופרידען ניט ארויסשטופען פון זייער היים, האט דיזעלבע רעגירונג אנגעהויבען אנווענדען שטרענגערע מיטעל, וועלכע רעדען אזוי גוט ווי אפען און דייטליך: „איהר ווילט ניט אבטרעטען מיט נוטען, וועט איהר עס מוזען מיט בייזען!...“ ווי עס פערשטעהט זיך, האט עס אויפגעוועקט דעם פוילישען פאטריאטיזם, צו פראטעסטירען גענען דעם, ניט נור אין דייטשלאנד אליין, נאר אויך אומעטום וואו א פויליש הארץ טראגט נאך די דאגה פאר זיין פאלק און פאר זיין קיום. פערשידענע ארטיקעל און קארעספאנדענציעס דרוקען זיך וועגען דעם אין די פוילישע ציימונגען און רופען ארויס מיטלייד מיט די אונטערדריקטע און ליידענדע זעלבסט ביי ניט פוילען. אינטערעסאנט איז דער משל, וואס דער בעריהמטער פוילישער ראמאניסט סענקעוויטש האט צוליעב דעם פערפאסט אין וועלכער איז איבערזעטצט אין אלע אייראפעאישע בלעטער. מיר ערלויבען זיך איהם איבערצוגעבען פאר אונזערע לעזער נור מיט א קליינער בעמערקונג דערצו:

„עס פליהט א רויבענדער גייער (קארשון), פליהט און פליהט און לאזט זיך אראב צווישען פעלזען, וואו עס וואהנט זיך רוהיג דער פאלק (סאקאל) אין זיין נעסט.

— אין דעם נאמען פון מיין רעכט, — ווענדעט זיך דער גייער צום פאלק, — הער מיך אויס!

— וואס ווילסט דו? — פרעגט דער פאלק.

— איך וויל דיך צורייסען און אויפפרעסען! — ענטפערט דער גייער, און שארפט זיינע נעגיל.

— צו וואס טויג דיר מיין לעבען?

— וואס פאר א נארישע פראגע, וואס פאר א אונוויסענהייט! — לאכט דער גייער, ערשטענס פשוט, מיר איז ענג געווארען אין מיין נעסט, וויל איך צונעהמען דיינעס, און ארייגזעצען אין איהם מיינע קינדער. פערשטעהסט דו; צווייטענס, האב איך אין דעם גאר א בעזונדערע פאליטיק: די פאליטיק פון א גייער, וואס איהם שטערט וואס דו לעבסט; דריטענס, דיין שפראך איז מיר פרעמד, פערשטעהסט? און ענדליך ווייס איך, אז דו האסט מיך ניט ליעב!

— וואס אנבעלאנגט מיין שפראך, — ענטפערט דער פאלק, — רעד איך די שפראך, וואס גאט האט מיר געגעבען, און וואס געהערט צו מיינע געפיהלען, פרעג איך: פאר וואס זאל איך דיך ליעב האבען?

— דאס געהט מיר ניט אן, — וויל דער גייער ניט הערען —, איך ווייס נור איינס, אז איך האב דאס רעכט צו צורייסען און אויפפרעסען יעדען וואס ליעבט מיך נישט.

— הייסט עס, — פרעגט דער פאלק, — אז איך וואלט דיך ליעב האבען, וואלסט דו מיך ניט אויפפרעסען?

— אך, רופט זיך אב דער גייער, ווען דו וואלסט מיך באמת ליעב האבען, וואלסט דו מיט׳ן אייגענעם ווילען מיר אוועקגעבען דיין נעסט, און אזוי מיט׳ן אייגענעם ווילען וואלסטו זיך אליין מיר אוועקגעבען, איך זאל דיך אויפפרעסען און זאל קענען דיק און פעט ווערען.

— קען איך, הייסט עס, סיי אזוי, סיי אזוי דעם טוידט ניט אויסמיידען — זיפצט אב דער פאלק.

דער גייער שווייגט, עס ווערט אויף א ווײלע שטיל.

— וואס עס מוז זיין, קען מען ניט אויסמיידען! — האט וויעדער אנגעהויבען דער פאלק, נאר זאג מיר, מיין פריינד, ווער האט דיך אויסגעלערנט אזוי שען צו דענקען? וואו האסט דו אזא רעכט און יושר געזעהן?

— צי ווייסט דו דען ניט, דו נארישער פאלק, — האט געענטפערט דער גייער שטאלץ אויפהויבענדיג זיין קאפ, — צי ווייסט דו דען ניט, אז איך האב צוויי יאהר זיך ערצויגען און געשטודירט אין זאאלאגישען גארטען אין בערלין?...

— אויב אזוי, — האט מיט מוטה זיך אבגערופען דער פאלק — האב איך מעהר ניט וואס צו רעדען און איך לעג מיין גאנצע האפנונג נור אויף גאט און אויף זיך אליין...

מיר בעמערקען דערצו, אז דער משל מיט דעם נמשל זענען גענוג קלאר און דייטליך און עס איז איבריג א פירוש צו געבען, וועמען דער בעריהמטער דיכטער מיינט אין דעם גייער און וועמען אין דעם פאלק, נאר עס ווילט זיך פרעגען: פאר וואס פערגעסט דערזעלבער דיכטער, אז מיט די אייגענע רעד און יושר, וואס דער גייער ווענדט זיך צום פאלק, הערט דער פאלק ניט אויף זיך צו ווענדען און צו רעדען צו דער שטילער טויב און שרייט נאך, אז עס איז א העזה, א נידריגקייט, ווען די טויב ענטפערט איהם די אייגענע ווערטער, וואס ער האט געענטפערט דעם גייער?...

יעדעס פאלק פיהלט נור און שרייט אויף דאס אונרעכט, וואס ווערט איהם געטהון פון שטארקען, חאטש דאס אייגענע אונרעכט טהוט דאסזעלבע פאלק דעם נאך שוואכערען פאר איהם!... עכא.

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

„איינס נעגען דאס אנדערע האט גאט בעשאפען“, און „וואס עס געפינט זיך אויף דער יַבָשָׁה, געפינט זיך אין יַם אויך“, נאר עס וועהט

אַנדערש אויס, און אַ וואַסער־הונד, און אַ יַם־קאַטער ווילען זיך מיט אונזערע הינד און קעץ נישט הברין...

אַזוי אויך אַלץ, וואָס עס הערט זיך אין דער גרויסער וועלט, טרעפט זיך אין אונזער קליין וועלטיל אויך, נאָר עס האָט אַביסיל איין אַנדער פנים; עס איז אַביסיל קלענער, אַ ביסיל פערקרימטער אויך...

למשל, נישט ווייט צו זוכען, — שטרייקען.

מיינט איהר אפשר, אַז ביי אונז איז דער געמאַכטער צי אָבגערעדטער „שבת" נישט נוהג? — אין די קלענסטע שטעדטליך!

נאָר לאָמיר די זאַך בעהאַנדלען נישט פון אויבען אויף, נאָר גרינדליך, טיעף ווי עס פּאַסט פאַר אַ דייטשען פּראָפעסאָר; איך בין איינענטליך קיין דייטשער פּראָפעסאָר נישט, נאָר „היָה לומר מכָל אָדם", בפרט פון אַ דייטשען פּראָפעסאָר.

קוֹדם־כָל וועלען מיר זיך ווענדען צו דער ליטעראַטור.

אין דער אַלטער ביבלישער ליטעראַטור געפינען מיר נור איין שטרייק, וואָס מיר האָבען געמאַכט נעגען פּרעה'ן מיט'ן פּתם ורַעמסס. געפיהרט דעם שטרייק האָט משה־רבינו. און כדי מען זאָל אַלע נישט טרייבען צוריק צו דער אַרבייט, האָבען מיר געמאַכט פּלֵטה איבער'ן ים — אֵינֶנוּ...

דאָ האַקט זיך דער פאָדעם אָב. נישט אין ש"ס און פוסקים, נישט ביי גאוֹנים, ראשוֹנים וְאַחֲרוֹנים — קיין זֵכר פון אַ שטרייק. נֶעלם געוואָרען איז ער!

שווימען שווימט ער ערשט אַרויס אין דער לעצטער צייט, אין דער נייער ליטעראַטור.

אין פּרץ'ס „רייזע בילדער" געפינען מיר איין אָרימען קליין־שטעדטילדיגען רַב, מיט אַ חאַלאַט פון שפּינוועבס, וואָס שטעלט זיך אָב, „זאַבאַסטיוויט", הערט אויף שאֵלות צו פּסק'נען, אַפילוּ שאלות־נשים, וויל אפילוּ נישט געהען צו דער חברה־קדישא'ס קלָפּי און פערלאַנגט, מען זאָל איהם מוסיף זיין צוויי גילדען אַ וואָך אויפ'ן שכירות. עס איז נור אַ שאַד, וואָס דער רייזע־בעשרייבער איז אָבגעפאָהרען פון שטעדטיל, איידער עס איז צווישען רב און קהל געקומען צו אַ פּשרה, און מיר ווייסען נישט, ווער עס האָט אויסגעפיהרט — דער אָרימער רב צי דאָס קבצנ'ישע שטעדטיל...

דוד פרישמאַן דערצעהלט אין דעם פאַראַיאָהריגען „יוד" פון אַ שטרייק, וואָס די יודישע (העברעאישע און זשאַרגאָנישע) שרייבער האָבען געמאַכט נעגען רעדאַקטאָרען און הערויסגעבער, זיי האָבען זיך אָבגערעדט, געמאַכט יַד אַחַת, איבערגעשלאָגען מיט אַ ציצה, און עס איז געבליבען, אַז עס וועט קיינער נישט אויסציהען קיין פעדער, אויב מען וועט זיי נישט מוסיף זיין חאָטש צוויי גילדען אויף אַ ריעז פּאַפּיר פון גרויסען פאָרמאַט. אַ געוויסע צייט איז חשֶך געוועזען ביי די רעדאַקטאָרען, די הערויסגעבער זענען אַרומגעגאַנגען ווי פערסמ'טע מייז, די „קוֹראים נִכבָּדים" האָבען ממש קריעה געשניטען, ביז מען ווערט נישט געוואָהר, אַז דוד פרישמאַן איז אַ גרויסער לִץ, אַ חוזק־מאַכער; אַז עס איז אַ פּשוט'ער פעליעטאָן, משַמח צו זיין דעם עולם, — און עס איז ווייטער שטיל געוואָרען.

אַחרוֹן אַחֲרוֹן חָבִיב: ספּעקטאָר בעשרייבט אין איינער פון זיינע נאָוועלען, אַז קבצנים האָבען אַמאָל געמאַכט אַ שטרייק. עס איז געוועזען ביי אַ רייכען ישוב'ניק אַ חתונה, מען האָט נאָך זיי געשיקט אַ „דראָביניאַסטע־וואָגען" אין שטאָדט אַריין, און — די קרומע, לאַהמע, הויקער־דיגע און פאַנפּאַטע קבצנים האָבען געמאַכט אַ שטרייק: פאַר וועניגער ווי אַ רובעל אויף אַ פּאַרשוין וועלען זיי זיך נישט ריהרען פון אָרט. און מען האָט זיי געגעבען.

אַ יודישע חתונה וועט זיך גיכער בעגעהען אָהן כלי־זמר, אָהן דרשה־געשאַנק, אפילוּ אָהן נדן, אָבער נישט אָהן איין אָרימע סעוּדה; און איין אָרימע סעוּדה אָהן אָרימע לייט איז אַזוי מעגליך, ווי אַ טיש אָהן אַ בלאַט און אָהן פיס!

אויב איך האָב נישט קיין טָעות, איז דאָס דער איינציגער שטרייק פון די, וואָס ווערען דערמאָנט אין דער ליטעראַטור און וואָס האָט זיך גוט נעענדיגט אי פאַר די קבצנים, אי פאַר'ן מחבר, ווייל די נאָוועלע איז זעהר גוט אויפגעשריבען.

פון דער ליטעראַטור, וואָס איז נור דער ווידערשיין, דער שאָטען פון לעבען, וועלען מיר זיך נעהמען צום לעבען אַליין.

מיר וועלען רעדען פון אונזערע יודיש־קהל'שע שטרייקען.

פון אַלע זייטען פון פוילישע שטעדט און שטעדטליך, הערט מען פון שטרייקען, וואָס די דעמאָקראַטישע חברה נושאים מאַכט נעגען דער אַריסטאָקראַטיש חברה קדישא, וואָס לעגט נישט די האַנד אין קאַלט וואַסער אַריין, און נעמט צו 90% קבורה געלד, בשעת די חברה־נושאים געהען אַרום מיט טרוקענע העלזער.

קיין דין־תורה קען מען מיט דער חברה קדישא נישט האָבען ווייל דער רב מיט די דַיינים האַלטען מיט די חברה־קדישא לייט, וואָס גיבען רמ"ש, יום־טוב־געלד און פורים־געלד און לאָזען אין מיטען יאָהר אויך אַמאָל אָבלעקען אַ ביין. וואָס טהוט חברה נושאים? מאַכט זי „שבת" — זי ריהרט זיך נישט פון אָרט, ביז מען דינגט נישט אויס אַ גרויסען פּראָצענט אויף „ייש"...

טהייל מאָל שטעלען זיך די חברה־קדישא־לייט „שטאַרצים", דינגען אַנדער'ע נושאים — דעמאָלט ערשט ווערט אַ געשלעג, עס פליהען צייהן פון בעלי בתי'שע מיילער, מתים פון די מִטוֹת אַראָב, דיינים און רבנים פון די בענקליך, ביז מען גיט נאָך די עַם־אַרָצים!

אין טהייל גרעסערע שטעדט האָבען יודישע דאָקטוירים געוואָלט איינפיהרען „מְצִיצָה" מיט אַ מאַשינקע, וואָס זאָל אויסזאַגען אַ כשיעור בלוט, אָבי מען זאָל נישט אַנשטעקען די קינדער דורך פערשטונקענע מיילער מיט פוילע צייהן, נאָר זיי האָבען אין ערגיץ, אפילו אין וואַרשוי, נישט אויסגעפיהרט; ערשטענס, זענען די רבנים נישט צופרידען, מיט נייע המצאוֹת (אויסער המצאוֹת, וואָס מען נעמט אויף זיי הכשרים, ווי למשל: כשר'ער זייף, פסח'דיגע פּאַפּיראָסען, פוטער פון גראָז וכדומה) און צווייטענס, האָבען די מוהלים געזאָגט: לאָו! קוים וועט זיין אַ „זויג־מאַשינקע" מאַכען זיי אַ שטרייק און ציהען קיין מעסעריל נישט אויס! און וואו נעמט מען אַנדערע מוהלים?

אַצונד שרייבט מען אונז פון צוויי ניי־מאָדישע שטרייקען.

ערשטענס — אַ מאָדנער שטרייק, אַ כהנים־שטרייק אין וועסיאָלאַיע (מעליטאָפּאָלער אויעזד, טאַווריער גוב').

איינענטליך דאָס שטעדטיל הייסט נור „וועסיאָלאַיע", איז'ען איז עס אַ פערוואָרפען ווינקעל, אַ פּיצעלע דאָרפיש קהל און עס איז דאָרט גאָר נישט פריהליך. אפילוּ „משנכנס אדר", בעמערקט מען קוים, אַז עס געהט מעהר אַוועק דיני־קערליך, ווייטער נישט, — נאָר וויפיעל מענשען הייסען אלכסנדר נאָך אלכסנדר מוקדון און אַנטלויפען פאַר'ן איינענעם שאָטען און ציטערן, אַז די איינענע פּאַלעס פון דער קאַפּאָטע קלאַפּען זיי ביי נאַכט אָן די פיס? און דאָך האָט דאָס שטעדטיל זיך אויסנעצייכענט מיט אַ שטרייק פון כהנים.

די מעשה איז אזוי געוועזען:

ווי דער מנהג איז, רופט מען אויף צום ספר פריהער כהן, דערנאך לוי, דערנאך ערשט געהט ישראל... אונזער גבאי ראשון פון שוהל איז אבער אמאל איינגעפאלען עובר צו זיין אויפ'ן מנהג, (איין אלטער מאן — אנדערע עברות פאסען שוין נישט) און פריהער אויפצורופען דוקא א ישראל! זענען די כהנים אונטערגעצונדען געווארען! זיי האבען אבער נישט געזאגט א ווארט, נאר, אז עס איז געקומען צו כהנים דוכנ'ען, האט זיך בעוויזען איין אבגערעדטער שטרייק! קיין איינציגער כהן האט נישט אויסגעטהון די שיך און דער איינציגער לוי האט נישט גענומען דעם וואש־בעכער די כהנים'ס הענד צו בעגיסען!

איינמאל פאר אלע מאל: נישט, און קהל האט געמוזט זיך דאס מאל בעגעהען אהן "יברכך" און די קליינע קינדער האבען נישט געהאט פערגניגען בנגבה צו קוקען אויף כהנים־דוכניען!

אבער נאך א מאדנערער שטרייק איז געוועזען אין ק"ק וולאדיסלאוואוא (סובאלקער גוב') — א טענצער־שטרייק!

עס איז דארט געוועזען א בעל־בתישע חתונה און, ווי דער שטייער איז, זענען אנגעקומען צו דער "גרויסער וויעטשערע" טעלעגראמע, און ווינש־קארטען...

זייט עס איז בטל געווארען דער מנהג פון חתן'ס דרשה, איז מען זיך נוהג אין תפוצות ישראל צו פערברייננגען די צייט ביים לאנגען טיש מיט טעלעגראמען און ווינשקארטען לעזען. געוועהנליך נעהמען זיך עס אונטער צוויי יונגע־לייט (בחורים זענען נאך בעסער), זיי טהיילען זיך מיט די טעלעגראמען און ווינשקארטען, איינער לייענט איין טעלעגראמע, דער צווייטער די צווייטע— די מעלה דערפון איז, אז בשעת ווען איינער לייענט, קוקט דער צווייטער דורך, וואס ער דארף לייענען, און עס נעהט צו געשווינד און אהן א גרייז — אויסער די קינסטליכע גרייזען וואס מען מאכט אומישנע, דער עולם זאל לאכען.

אזוי איז אויך געוועזען אויף דער וולאדיסלאוואווער בעל־בתי'שע חתונה, — צוויי לייט (אפשר שוין נישט קיין בחורים) אין שווארצע פרעק, ווייסע וועסטען, העמדער און קראוואטען, מיט רויטע זיידענע טיכליך, וואס קוקען ארויס פון פארענט פון אונטערן וועסטיל־זוים, און מיט פיינע שטימען, האבען געלעזען ווי א וואסער, און געשיט מיט וויצען ווי א וואסער, — פלוצים ווערט איינער פון זיי בלאס, דערנאך רויט, ווארפט מיט כעס א ווינש־קארטע אויף דר'ערד, צוטרעט זי מיט די פיס, און קומט קוים צו זיך און לעזט ווייטער...

צווישען עולם איז א ביסיל אונרוהיג געווארען: געוויס איין אונטערגעווארפענער פאשקוויל, אפשר געגען חתן, אפשר געגען די כלה...

עס האט זיך אבער אויסגעוויזען אז עס איז געוועזען עפיס ערגערס ווי א פאשקוויל, עס איז (הערט און האפט אייך אן ביי די האהר) א יודישע ו ו י נ ש - ק א ר ט ע געוועזען! אויף אזא חתונה, אויף א חתונה מיט פרעק, ווייסע קראוואטען, ווייסע האנדשוה, קאלירטע זיידענע טיכליך, האלב נאקיטע דאמען, וואס שלעפען פון הונטען, וואס עס פעהלט זיי פון פארענט, אויף אזא חתונה האט מען די העזה געהאט א יודישע ווינש־קארטע צו שיקען.

שרעקליך!

און, אז עס האבען זיך נאך געפונען צוויי מ י י ד ל י ך (אזוינע קען מען "מאמזעלען" נישט רופען!), וואס האבען זיך אנגענומען פאר יודישע, צוטרעטענע קארטען — האבען די יונגע לייט אנגערעדט זייערע חברים און מען האט צוזאמען געמאכט א שטרייק, און אויפגעהערט צו טאנצען!

עס פאסט נישט צו טאנצען אויף א ז א חתונה, וואו עס געפינען זיך א ז ו י נ ע קארטען, א ז ו י נ ע מיידליך...

---

מיר וועלען נאך אפשר דערלעבען א שטרייק פון מלמדים!

א מלמדים־בערזע איז שוין דא, און טאקי אין קרעמענטשוג...

קרעמענטשוג איז א געבענטשטע שטאדט, וואס גיט ארוים מאסען מלמדים, און זיי האבען זיך געמאכט א מין בערזע פאר דער שוהל, אויפ'ן מיסטינגען פלאץ, וואו מען שטעלט חופות...

דורך די בערזע האט אויפגעהערט די קאנקורענץ צווישען מלמדים, דער בין־הזמנים מיט חניפה, מיט רכילות, מיט הכנעה פאר עם־ארצ'ישע בעלי־בתים. די מלמדים שטעלען זיך אויס אויפ'ן בערזער־פלאץ, ווי די אמאליגע קנעכט אויף די גריכישע מארקען, און ווער, אין קרעמענטשוג אדער אין דער געגענד דארף א מלמד, קומט פאר דער שוהל, אויף די מלמדישע בערזע, און קלויבט זיך אויס, וואס זיין הארץ געלוסט!

און די פרייזען זענען צווייערליי.

א מלמד, וואס קען נור חומש מיט רש"י בעקומט ביז 50 רובל א זמן; א מלמד מיט א ביסיל דקדוק, ווער שמועסט מיט חשבון און רוסיש, בעקומט ביז 75 רובעל.

דערפון געהט אבער אראב מעקלעריי, ווייל אהן א מעקלער קויפט קיין יוד קיין קערציל ווייץ, דינגט קיין דירה נישט און בעשטעלט קיין מלמד נישט...

נאר — האלטען זיך די מלמדים צוזאמען, קען קומען צו א שטרייק; זיי וועלען נאך אמאל מאכען יד אחת און פערלאנגען, מען זאל זיי מוסיף זיין חאטש צו רובעל אויף א זמן...

און אויב זיי טהוען עס נישט, האבען זיי געוויס פחד פאר ירושלים דליטא, וואס קען איינע אליין פערפלייצען די גאנצע וועלט מיט מלמדים, און דארטען, זאגט מען, קענען אלע דקדוק...

לאמיר האפען, אז עס וועט צו קיין שלעכטס נישט קומען!

די ביהן.

---

## מען שרייבט אונז:

פ ו ן ר י ג א (א ל ע ב ע ד י ג ע ר מ ע נ ש): אין דער שטאדט האט דער שמש די גאנצע פרנסה נור פון "צדקה תציל ממות". אז עס מאכט זיך א צייט אהן לויות, ר"ל, און די קרעמער, וואו ער בארגט אויף שטוב־אויסהאלטעניש מאהנען ביי איהם די הובות, ענטפערט ער: ווארט, ווארט, האט געדולד, גאט וועט מיך נישט פערלאזען, עס וועט זיין פרנסה!

פ ו ן ר א ק א ו ו (מינסקער גוב'): אהין איז געקומען דער קיידאנאווער רבי און האט ארויסגעפיהרט 80 רובל באר־געלד, א חוץ צוויי היהנער, וואס איין ארימער חסיד האט געגעבען במקום געלד.

פ ו ן ב א ל ט א: מען האט געפייערט א יובילעאום פון ברוך שווארץ, א יודישען לעהרער און אינספעקטאר פון ת"ת.

פ ו ן ת א ר א ק א ו ו י ט ש (מאסקווער גוב'). דארט האלט א יוד א קלייט און לעבט בשלום מיט די פויערען, וואס קויפען ביי איהם גערן און קומען גאנץ אפט צו איהם אין שטוב אריין. איינמאל האבען זיי ביי איהם בעמערקט 74 רובעל, וואס ער האט געברענגט פון פריץ, און איינער פון זיי האט שטארק יצר־הרע בעקומען צום געלד. באלד דערנאך, אז דער יוד מיט'ן ווייב זענען אוועקגעגאנגען פון שטוב, און איבערגעלאזט צוויי טעכטער, א מיידיל פון א יאהר 20 און פון א יאהר 10, האט זיך איינער אריינגעחאפט און פערלאנגט ביי דער עלטערער שוועסטער זי זאל איהם איבערגעבען דאס געלד. ביי נאכט איז עס געוועזען, קיין נאהנטע הילף איז נישט געוועזען, האט זי געטהון זיין פערלאנג, און דערלאנגט איהם דאס געלד, דעמאלט האט ער איהר געזאגט, אז ער מוז זי טייטען, ווייל א ניט וועט זי אויסזאגען. האט זי זיך ביי איהם געבעטען, ער זאל זי נישט טייטען

ד״ר סיראָפּ (קראקוי): דער לאַנדעסקאָמיטעט זאָל אין יעדער שטאָדט, וואו די רומענישע עמיגראַנטען מוזען דורכפֿאָהרען איינזעצען אַ קאָמיסיאָן וועלכע זאָל די עמיגראַנטען נאָך מעגליכקייט שטיצען.

רייך (לעמבערג): די יודישע סטודענטען זאָלען זיך בעמיהען אַז אויף די אוניווערזיטעטען זאָל אין אַלע דאָקומענטען אַנערקענט ווערען זייער יודישע נאַציאָנאַליטעט.

אַ גלענצענדעס רעפֿעראַט האָט געהאַלטען ה׳ לעדערער (וויען) וועגען דעם ״פֿערהעלטניס פֿון דער ציוניסטישער פּאַרטיי צו נישט — ציוניסטישע חברות״. דאָס איז זיין רעדע אין קורצען:

ציוניסטישע אַרבייט קען אויפֿגעבויט ווערען נור אויף די ריינע נישט בעהאַלטענע יסודות פֿון ציוניסטישען רעיון. מיר מוזען מלחמה האַלטען נעגען יעדע חברה, יעדע אינסטיטוציאָן וועלכע וויל דעם יודען העלפֿען נישט אין יודישען גייסט, אויף דעם וועג און מיט די מיטלען פֿון אַסימילאַציאָן. מיר מוזען אונטערשטיצען אַזעלכע צדקה־חברות וועלכע ווילען פֿערגרינגערן די נויט פון די יודען אין גלות, דערביי אָבער נישט פֿערגעסען אָהן דעם ציוניסטישען געדאַנק, אַז די צדקה־חברות קענען די יודען־פֿראַגע נישט אין גאַנצען לעזען: די צדקה־אַרבייט איז נור אַ קליינער טהייל פון ציוניסטישען פּראָגראַם.

די צדקה מוז אָבער זיין אַזעלכע, וועלכע גיט נישט נדבות פֿאַר שנאָרער, נאָר איז אומשטאַנד די אונטערשטיצטע צו מאַכען פֿאַר אונאבהענגיגע אַרבייטער מיט אַ לעבענס־פֿעהיגער עקסיסטענץ. נישט דאָס סיסטעם פֿון יעדער אַרט חלוקה, נאָר די מעגליכקייט דורך עהרליכע אַרבייט ברויט צו פערדיענען — זאָל זיין די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון יודישער צדקה. דאָס פערשאַפֿען פֿון אַרבייט מוז זיך אויך רעכענען מיט די מאָדערנע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע בעגריפֿען. עס איז נישט גוט, ווען, למשל, די ״בני־ברית״ האָבען אין דער לעצטער צייט איינגעפֿיהרט אין גאַליציען נור פֿרויען־און קינדער אַרבייט וועלכע ווערען אויסגענוטצט אַלס ביליגע אַרבייטסקרעפֿטע. בעסער וואָלט געווען צו שאַפֿען אַרבייט פֿאַר דעם גרויסען המון פֿון פּראָלעטאַריער מאַנסבילען דורך גרינדען און שטיצען שולען פֿאַר בעלי־מלאכות, דורך הלואות פֿאַר בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים.

וואָס ס׳איז נוגע צו פּאָליטיק, טאָר די ציוניסטישע פּאַרטיי נישט בעטראַכטען די פּאָליטישע אַרבייט אַלס צוועק פֿאַר זיך, זי מוז שטענדיג אַ חילוק מאַכען צווישען דעם גאַנצען יודענטהום, וועלכעס האָט צו קעמפּפֿען געגען דעם איינען שונא דעם אַנטיסעמיטיזם, און צווישען דעם איינציגען יודען, וועלכער האָט מאַנכע חברה׳שע אינטערעסען דיזעלבע וואָס די נישט־יודען. —

די „עסטרייכישע אוניאָן״ האָט איין גוטען צוועק צו שיצען די אנגעגריפֿענע רעכטע פון יודען. דאָס פּאַסט אויך צו די בעשליסע פֿון אונזער אָלמיטצער פּראָגראַם. אבי״ר מיט דעם שיטצען דאָס רעכט מוז מען זיין פֿאָרזיכטיג און נישט זיך אַננעהמען פֿאַר יעדען נידריגען פּרט, וועלכער ברענגט דעם יודענטהום קיין כבוד נישט, דאָס יודענטהום און זיינע רעכטע פֿערטהיידיגען הייסט נישט, מלחמה האַלטען געגען אַנטיסעמיטישע אַנגריפֿע, נאָר פֿערבעסערען די עקאָנאָמישע, גייסטיגע און פּאָליטישע לאַגע פֿון פֿאָלק.

די יודישע „קהלות״ אין וועלכע עס ווערט איצט געאַרבייט געגען ציוניסטישען גייסט, מוזען מיר דורך אַרבייט און אַגיטאַציע איבעראַכען אויף גרונד פֿון אַ נייעם יודיש־נאַציאָנאַלען פּראָגראַם...

דאָס רעפֿעראַט פֿון ה׳ לעדערער האָט אין דער אסיפה געמאַכט אַ גרויסען רושם און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען עס אין גאַנצען אָבצודרוקען אין מעהרערע שפּראַכען.

אַ צווייטעס וויכטיגעס רעפֿעראַט איז געהאַלטען געוואָרען דעם טאָג פֿון ה׳ נעוויטש, איינער פֿון די וויענער ראשי־קהל, וועגען „גרינדען אַ יודיש נאַציאָנאַלע אַקערבוי־שולע אין ארץ ישראל״. די אַקערבוי־שולע וועלכע עקזיסטירט זייט יאָהרען אין מקוה ישראל ביי יפו איז מעהר פֿראַנצויזיש ווי יודיש; אין איהר ווערט אונטערדריקט דער יודישער גייסט. בעת, למשל, אין מאַנכע קריסטליכע קלויסטער געפֿינען זיך די „עשרת הדברות״ דוקא אין דער אָריגינאַל־שפּראַך, אין העברעאיש, איז אין דער „יודישער״ אַקערבוי־שולע אין מקוה־ישראל אויפֿגעצייכענט די עשרת הדברות—אין פֿראַנצויזיש! דאָס איז נור איין ביישפּיעל פֿון די פֿיעלע בעשטרעבונגען דעם יודישען גייסט צו פֿערדרענגען און איינצופֿיהרען דעם פֿראַנצויזישען גייסט. דער רעפֿערענט לענט פֿאַר אַ פּלאַן צו גרינדען אַ יודיש־נאַציאָנאַלע אַקערבוישולע אין פּאַלעסטינא, וועלכער איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פֿון דעם בעוואוסטען לעהרער ה׳ ישראל בעלקינד אין יפו און פֿאָרדערט דעם פּאַרטייטאָג אויף צו העלפֿען גרינדען די שולע: 1) יעדע חברה זאָל פֿיר 50 פֿון איהרע חברים קויפֿען איין אַקציע פֿאַר 10 פֿראַנק. 2) ביז צו אַ געוויסער צייט זאָלען די עסטרייכישע חברות אָבגעבען אַ טהייל פֿון שקל־געלד און פּאַרטיי־שטייער און קויפֿען אַקציעס. 3) עס זאָל אויסגעקליבען ווערען אַ קאָמיסיע וועלכע זאָל זיך סטאַרען דעם פֿאָנד פֿיר די אַקערבויער־שולע צו פֿערגרעסערען.

נאָך אַ קורצער דעבאַטע איז דער אַנטראַג פֿון רעפֿערענטען אַנגענומען געוואָרען.

די רעפֿעראַטע: ״אַגיטאַציאָן״ און שטעלונג צו די ״קאָנגרעסען״ זענען אויך אנגענומען געוואָרען.

עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען צו שטיצען די פּוילישע צייטונג „Wschód“ און צו פֿערגרעסערען דאָס פּאַרטיי־בלאַט ״די יודישע פֿאָלקסשטימע״ אין ברין, כדי עס זאָל קענען ערשיינען יעדע וואָך אַנשטאָט אַלע צוויי וואָכען.

מעהרערע גאַליצישע דעלעגירטע האָבען געשטעלט דען אַנטראָג אנצוערקענען דען ״יוד״ אַלס נוצליכעס בלאַט פֿיר די גייסטיגע הייבונג פֿון יודישען פֿאָלק און דערויף האָט דעל. גראָס געשטעלט פֿאָלגענדען אַנטראָג:

דער פּאַרטיי־טאָג דריקט אויס דער חברה ״אחיאסף״ אין ווארשוי אַ דאַנק פֿאַר זיין נוצליכע קולטוראַרבייט און בעזונדערס פֿאַר די אויסגאָבע פֿון אַזאַ פֿאָרטרעפֿליכער צייטונג ווי דער ״יוד״ איז.

דער אַנטראָג איז איינשטימיג אנגענומען געוואָרען.

אין דעם נייעם לאַנדעס־קאָמיטעט זענען אויסגעקליבען געוואָרען הר׳ ד״ר שלמה קרענבערגער אַלס (פּרעזעס) און נאָך 11 קאָמיטע־מיטגליעדער אין וויען און 3 רעוויזאָרען. גאַליציען איז איצט איינגעטהיילט אין 3 דיסטריקטע: קראקוי, (מערב־גאַליציען), לעמבערג (מיטעל־גאַליציען) און סטאַניסלוי (מזרח־ גאַליציען).

אין גאַנצען האָט דער ״צווייטער עסטרייכישער ציוניסטענטאָג״ געבאָטען אַ שענעס בילד פֿון אַ קליינעם אַרבייטס קאָנגרעס. זיינע דעלעגאַטען האָבען געוויזען, אַז זיי פערשטעהען זייער חוב און בעזיצען גענוג ערנסט צו בעראַטהען און צו אַרבייטען, זיך נישט אַריינצולאַזען אין אוננוטציגע וכוחים און צו בעשליסען נור אַזעלכע זאַכען וואָס די ניי־געשאַפֿענע

ארגאניזאציאָן איז בכּח אויסצופיהרען. פּול צופרידענהייט און האפנונג אויף פעראייניגטע צוועקמעסיגע ארבייט איז די אסיפה געשלאָסען געװארען מיט דעם פרעהליכען וואונש איבער א יאָהר זיך צוזאַמענצוקומען און וויען צו נייער פרישער ארבייט.

מ. ב.

---

# די יודישע וועלט.

## געזעצען און משפּטים.

= דער סענאט האט ערקלערט, אז די ענטשיידונג פון דער פּראגע, אויב מען דאַרף נעהמען קאראבקע פון גאנצע טושען אין די שלאכטהייזער אדער בּשעת פערקויפען דאס פלייש אין די יאטקעס, ווענדט זיך אָן די תּנאים, וועלכע די גובערנסקע פּראוולעניע מאכט אב אויף 4 יאהר און וועלכע ווערען בעשטעטיגט פון מיניסטער.

= דער גענעראל יוסף אטטאלענגהי, א יוד, איז בעשטימט געװארען צו זיין איטאליענישער קריעגסמיניסטער. אטאלענגהי איז פריהער געװען מיליטערישער ערציהער פון איטאליענישען קעניג וויקטאר עמאנועל און קאמאנדיר פון איין ארמע קארפוס. עס איז נישט דער ערשטער פאל אין איטאליען, וואס א יוד איז א מיניסטער. פאר איהם זענען געװען מיניסטארען פון פינאנץ די יודען לוצאטי און וואלעמבערג.

*

## בילדונג.

— דעם 24-סטען מערץ איז געוועזען אין ווארשא די אפיציעלע עפענונג פון די נייע געביידען פאר די האנדווערקערווארשטאטען, וועלכע זענען אונטער דעם שוטץ פון דער חברה יודישע פריקאשטשיקעס. די נייע געביידען געפינען זיך אויף דער סטאווקי גאס און בעשטעהען פון א גרויסען דריישטאקיגען הויז. אין קעלער-שטוב געפינען זיך די שלאסעריי און אייזענגיסעריי. אין ערשטען און צווייטען שטאק — ווארשטאטען פאר שניצעריי, טישלעריי און טאקעריי. זאלען צום מאלען, די קאנצעלאריע, שפייכלער פאר אייגענע אויסארבייטונגען. אין 3-טען שטאק געפינט זיך א גרויסע קיך און א עס צימער. די געביידען קאסטען בערך 100,000 רובעל. 48,000 ר' האט די חברה אבגענומען פאר די אלטע געביידען, 40,000 ר' האט זי בעקומען אלס שטיצע פון דער יק"א און 2400 האט זי צוזאמענגעקליבען נדבות. די אויסהאלטונג פון די ווארשטאטען קאסט יעהרליך 18,000 ר'. וועלכע ווערען גרעסטענטהיילס צוזאמענגענומען פון יעהרליכע נדבות. די ווארשטאטען קענען אריינגעהמען 250 שילער און במעט אלע פלעצער זענען שוין פערפולט. די ארימע שילער ווערט געגעבען מיטאג קליידונג און אויף געלדשטיצע אויך דינגען א וואהנונג. די לעהרערס און די ווארשטאטען זענען בלויז קריסטען און דער דירעקטאר איז דער אגראנאם ה' צווייגבוים. די ווארשטאטען ווערען געפיהרט פון א קאמיטעט מיט ה' בערגסאן בראש.

ל"ג בעומר האט די חברה געמאכט פאר די שילער א יום-טוב'דיגען מיטאג און נאכהער האט זיי דער דירעקטאר צוזאמען מיט איינעגע מיטגליעדער געפיהרט אויף א פערוויילונג אין אלעקסאנדער-פארק, וואו די קינדער האבען זעהר פרעהליך פערבראכט די צייט און בעהאלטען א זכר פון ל"ג בעומר מיט פרישער לופט און גרינע בוימער.

= אין ק י ש י נ ע ו ו ווערט געעפענט א פריוואט שולע פון 7 קלאסען מיט דעם קורס פון א גאנצען א גימנאזיום דורך א געוועזענעם גימנאזיאל-לעהרער ג. א. ס י מ א ק א ו. פון אנהויב לעהרסעזאן וועט זיך עפענען די פארבערייטונגס און די ערשטע קלאסע, און נאכהער וועלען זיך ביסליכווייז עפענען די ווייטערע קלאסען.

אין דער שולע וועלען ווערען אויפגענומען יונגליך פון אלע גלויבענס אָהן א שום בעגרענצונג. יעדעס יאהר וועט עקזאמינירען די שילער א בעזונדערע קאמיסיע וואס וועט זיין בעשטימט פון דער רעגירונג.

*

## יודישע קהלות.

— די "א ו נ ג א ר י ש ע ו ו א כ ע נ ש ר י פ ט" שרייבט: די יודישע קהלה אין נ י י ש ט א ד ט האט געוואלט בויען א נייע שול און זי האט זיך געווענדט צום באראָן א ל ב ע ר ט ר א ט ש י ל ד אין וויען, אז ער זאל געבען זיין נדבה. ראטשילד האט געשיקט 50 גולדען. די קהלה האט עס געהאלטען פאר צו וועניג און האט זיך דערום געווענדט מיט א גלייכער בקשה צו אלבערט ראטשילד'ס ברודער נ ת נ א ל. דער ענטפער איז געוועזען, אז די 50 גולדען זענען פאר ביידע. אויף די עליזאבעטקירכע אין וויען האבען די ברידער ראטשילד מנדב געוועזען 10,000 גולדען, אדער ריכטיגער זיי האבען ג ע ו ו א ל ט מנדב זיין, ווארום די פירסטין מ ע ט ע ר נ י ך האט זיי אבגעענטפערט, אז מען נעמט נישט אָן קיין נדבות פון יודען אויף די קירכע.

— דער לאנדאנער בישאף האט געהאלטען א רעדע אויף דער יעהרליכער פערזאמלונג פון די ענגלישע מיסיאנערען, אין וועלכער ער האט געזאגט צווישען אנדערעם:

"די אויפגאבען פון דער קירכע זענען אויף קיין ארט נישט אזוי שווער ווי היער. אין לאָנדאָן וואהנען בערך 100,000 יודען, וועלכע זענען שטארק צוגעבונדען איינער צום אנדערען; עס עקזיסטירען גאנצע גאסען, אין וועלכע מען רעדט און מען פערשטעהט בלויז יודיש. דאס בעקעהרען (טויפען) פון די לאנדאנער יודען איז דערום זעהר וויכטיג. צום בעדויערען בעגעגענען די מיסיאנערען אויף זייער וועג פיעל שוויריגקייטען. ערשטענס, איז שווער צו פערשטעהן זייער שפראך, און צווייטענס איז א יודען זעהר שווער צו איבעררעדען. זיי ווילען נישט נור זיך אליין ניט טויפען נאָר זיי דערווייטערען זיך פון געטויפטע יודען און ווילען מיט זיי קיין שום מגע-ומשא נישט האבען, און ווען מיר העלפען אזעלכע בעשולדיגט מען אונז, אז מיר קויפען נשמות". פון דעסטוועגען — האט ווייטער געזאָגט דער בישאף — דארפען מיר ווייטער טהון אונזערס און זאמלען געלד אויף אונזער צוועק. "מען דאַרף נור נישט געבען פיעל געלד די משומדים".

— אין י ר ו ש ל י ם האט זיך געגרינדעט איין אנשטאלט פאר בלינדע קינדער. ווי עס איז ידוע, הערשט אין ארץ-ישראל ווי אין גאנצען מזרח די עגיפּטישע אויגען-קראנקהייט. די לעצטע יאהרען האט די קראנקהייט אנגענומען איין עפידעמישען כאראקטער, בעזונדערס אויף קינדער. כדי צו העלפען די אומגליקליכע, האט זיך געגרינדעט אין ירושלים איין אינסטיטוט פאר בלינדע יונגליך. אין אינסטיטוט לערענט מען זיי שרייבען און פערשיעדענע לייכטע מלאכות, ווי פלעכטען שטוהלען, קארבען, היט א. ז. וו. דער אינסטיטוט איז אנגעוויזען אויף די הילף פון מנדבים.

— אין דרום-אפריקא זענען געוועזען פאר דער מלחמה 25,000 יודען, דערפון אין טראנסוואל 16000, אין דער קאפקאלאניע 7500 און דער רעשט אין רהאדעזיא, נאטאל א. ז. וו. עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז די יודען האבען זעהר פיעל געליטען פון דער מלחמה, נאר עס איז צו רעכענען, אז ווען די מלחמה וועט אויפהערען, וועלען זיי קומען צוריק צו זייער פריהריגען מעמד. 25,000 יודען צווישען 850,000 ווייסע נישט-יודען איז נישט פיעל, און דרום-אפריקא וועט נאך קענען צונעהמען פיעל יודישע איינוואנדערער.

*

## די שׂרפה אין באברויסק.

— די שׂרפה אין ב א ב ר ו י ס ק, וועלכע האט בדלות געשטעלט כמעט אלע איינוואהנער און געמאכט א תּל פון דער שטאָדט, האט אויפגערודערט אביסיל דעם כלל יודען... אין ק י ש י נ ע ו ו האט די צדקה-חברה תיכף ארויסגעשיקט קיין באברויסק 500 רובעל, וועלכע זי האט פערמאגט, אלס ערשטע שטיצע, אויסער דעם האט מען מיט ערלויבניש פון גובערנאטאָר אנגעהויבען צוזאמענקלויבען געלד אויף די נשׂרפים, און די נדבות וועלען בעטרעפען נישט וועניגער ווי 1000 רובעל. אין ב ע ר ד י ט ש ע ו ו האָט מען צוזאמענגענומען 2000 ר'. אין מ א ס ק ו ו א האט זיך געבילדעט א פעראיין, וועלכער האט בעשלאסען צו פערזאָרגען די בעלי מלאכות אין באברויסק מיט כלים און מאַטעריאלען צו זייער מלאכה.

דער שאדען טרעפט אָן, ווי מען שאצט, ביז 7 מיליאָן רובעל. פערזיכערט איז געוועזען ביי געזעלשאפטען נישט מעהר ווי פאר 800,000 רובעל.

כדי צו געבען די בעלי בתּים די מעגליכקייט צוריק אויפצושטעלען זייערע הייזער, האָט די דומע זיך געווענדט מיט א ביטע צו דער רעגירונג אז מען זאל געבען די בעלי בתּים איין הלואה אויף א לענגערע צייט איין האלבען מיליאָן רובעל, אז מען זאל בעפרייען די געשעפטען און פאבריקען פון צוגעגעבענעם "פּראמיסלאוואי נאלאג", אז מען זאל ערלויבען פיהרען אומזיסט עסענווארג און בוימאטעריאל אויף דער ליבוי-ראמענער באהן און אויך אז מען זאל געבען א געלד-שטיצע פאר די נשׂרפים.

ווי דער "פּראוויט' וויעסטניק" איז מודיע איז ערלויבט געווארען צו פיהרען קיין באברויסק אויף דער ליבוי ראמענער באהן פון 4-טען מאי אָן עסענווארג, בויהאָלץ, תבואה און אנדערע זאכען צו דעם ביליגען פרייז פון $^1/_{100}$ קאפ' פון יעדען פוד און יעדען ווייארסט, נאר מיט דעם בעדינג, אז מען זאל ברייגגען א שיין, אז דאס געהט פאר די באברויסקער נשׂרפים.

*

## ציוניסטישע נייעס.

— ד ע ר ג ר ו י ס ה ע ר צ א ג פ ו ן ב א ד ע ן האט דעם 21-סטען מאי אויפגענומען א דעלעגאציע אויס דער אסיפה פון די דייטשע ציוניסטען, וועלכע איז געוועזען אין מ א נ ה י י ם. די דעלעגאציע איז בעשטאַנען פון ד ר. ב א ד ע נ ה י י מ ע ר (קעלן), דר. פ ר י ע ד ע מ א ן (בערלין), ק ו י פ מ א ן (פריי-בורג), דר. מ א ז ע ס (מאנהיים) און דר. ש ו י ע ר (מאינץ). דער גרויסהערצאג האט מיט דער דעלעגאציע זעהר הערצליך גערעדט. ער האט אויסגעדריקט זיין צופריעדענהייט, וואס די דייטשע יודען הויבען אָן ריכטיג צו פערשטעהן דעם גרויסען ווערטה פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. עס איז איהם שטענדיג

ווי דערשראָסענע פֿייגעליך... לאה קוקט מיט שרעק אויף די ווילדע אונאָרדענונג און ווייס ניט צו וואָס זי זאָל זיך פֿריהער חאַפּען... און באַלד דאַרף זי שוין געהן נעהען.

— גוואַלד, גאָט מיינער! — ברומט זי. מעהר פֿאַר אַלין רייד־צען זי די צוויי טהירליך, וואָס ליגען רוהיג אויף די קאַסטענס, און פֿאַר כעס גיט זי זיי אַ שטופּ מיט די פֿיס.

נאָר דער קלאַפּ זייערער צורייצט זי נאָך מעהר. זי פֿאַלט אָהן כחות אויף איהר געלעגער און קרעכצט פֿאַר וועהטאָג: געוואַלד, וואו איז ער?

זי פֿיהלט, אַז זי איז אומזיסט אין כעס אויפֿ׳ן אָרימען טאַטען, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג און וואָס קען איהר דאָ גאָר נישט העלפֿען, נאָר זי וויל האָבען קענען זיך אַ מענשען צו טהיילען זיך מיט׳ן אומגליק, זי קען עס אַליין ניט פֿערטראָגען... זי איז נאָך אַזוי יונג, זי וויל נאָך אַזוי לעבען, אויפֿ׳ן גאַס איז אַזוי ליכטיג, אַזוי גוט... אַז מען זאָל האָבען א י י ן פֿערציגער אין קעשענע און אַ מאַמען אין שטוב, אַז מען זאָל ניט דאַרפֿען האָרעווען אויף אַ געזינדעל, קען מען דאָך אַזוי גליקליך זיין... גיוואַלד, רבונו של עולם!...

— וואו איז ער, וואו איז ער?

זי דערהערט טריט אויף די טרעפּ און זי ווערט רוהיגער: ע ר געהט שוין אפשר.

עס עפֿענט זיך די טהיר און עס געהט אַריין אַ פֿרוי מיט צוויי גרויסע בלעכען מילך אין די הענר.

—- מילך דאַרפֿט איהר? — פֿ־עגט זי סאָפּענדיג.

— מילך? — פֿרעגט איבער לאה און דערמאָנט זיך, אַז זי האָט אַ גראָשען ניט.

— גוטע מילך! נעמט, פֿריילין, אַ קוואָרט — אכט גראָשען.

— ניין! איך דאַרף ניט, איך דאַרף ניט! — ענטפֿערט לאה ווי בייז, וואָס זי קען ניט קויפֿען.

איהר פֿאַלט איין צו באָרגען אַ קוואָרט מילך, נאָר איידער זי קלויבט זיך צו עס אַרויסצורעדען, רוקט זיך שוין די יודינע אַרויס...

דאָס ברייננט זי נאָך מעהר אַריין אין כעס, און זי לאָזט אַרויס איהר גאַנצע גאַל אויפֿ׳ן טאַטען, וואָס ער איז נאָך אַלץ ניטאָ.

— פֿערדיענט ניט אַ גראָשען... טהוט גאָר נישט, ער וואַרט נור אויף מיינע אכט רובעל אַ חודש פֿון נעהער.... וואָס טראַכט ער זיך, רבונו של עולם?!

ברומענדיג אַזוי פֿאַר כעס, דערהערט זי טריט, זי הערט אַ בעקאַנטען הוסטען פֿאַר׳ן טהיר און דער כעס געהט איהר אָב.

— ער געהט!

עס געהט אַריין אַ נידריג־געבויגען־יודיל אין אַ צובויגענעם הוט, אין אַ קראַגען אָהן אַ האַלדזטוך מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. ער רויכערט מיט גרויס אַפּעטיט און לאָזענדיג שטיקער רויך פֿון מויל, זאָגט ער שוואַך, מיט פֿעטערליכער ליעבשאַפֿט:

- דו האָסט נאָך, מיין טאָכטער, גאָר ניט צוגערוימט? פֿאַר וואָס, מיין טאָכטער?

און דעם טאַטענס ליעבליך, שוואַך קול און די בעמערקונג, וואָס פּאַסט עפּיס, נאָך איהר מיינונג, פֿאַר איין אַנדער מין טאַטען צורייצען זי עפּיס, זי ווייס אַליין ניט פֿאַר וואָס.

— זעהסט דאָך, אַז ניט — ענטפֿערט זי טרוקען.

— שאַ, מיין קינד, וואָס ביזט דו אין כעס. איך טהו דאָך דיר דערפֿאַר גאָר נישט.

לאה׳ן דריקט דאָס האַרץ פֿאַר רחמנות אויפֿ׳ן טאַטען. זי גיט אַ קוק אויף זיין אָרימען אויסזעהן, אויף זיינע טיעף איינגעגראָבענע אויגען און טראַכט:

— וואָס פֿון אַ מענשען קען ווערען, ווי שטאַלץ ער איז אַ־מאָל געוועזן.

זי בעמיהט זיך צו שמייכלען און ענטפֿערט:

— איך בין גאָר ניט אין כעס. העלף מיר אויפֿהענגען די טהירליך.

דער טאַטע בויגט זיך איין און הויבט די טהירליך. לאה זעהט, ווי ער שטרענגט אָן זיינע לעצטע קרעפֿטען, ווי ער ווערט רויט און בלאַס... זי קען עס ניט צוזעהן און זי האָט שוין חרטה, וואָס זי האָט אויף איהם געוואָרט.

— לאָז, טאַטע, איך וועל אַליין נעהמען!

— געה שוין, געה! — ענטפֿערט דער טאַטע פֿערשעמט,—איך אַ געשעפֿט די טהירליך אויפֿצוהענגען.

ער הויבט אויף איין טהיריל און וויל זי אויפֿהענגען אויף די זאַוויעסעס, נאָר דאָס טהיריל וויענט זיך אין זיינע הענד, ער פֿערלירט די כחות... אַט—אַט—פֿאַלט דאָס טהיריל...

— אַי! — גיט לאה אַ געשריי,—עפּיס מאָדנע הענד, האָט שיער ניט געהרג׳ט מיך...

— אוי וועה איז מיר, לאה׳נקע, גוט געטראָפֿען, האַ? טהוט וועה, זאָג, מיין טאָכטער אוי, וועה איז מיר.

"גוואַלד, וואָס וויל ער פֿון מיר האָבען"?—וויינט לאה׳ס האַרץ—זי קען דעם טאַטענס געפֿאַלענעם טאָן, זיין שוואַכקייט ניט פֿערטראָגען.

— ניין, עס טהוט ניט וועה! בעמיהט זי זיך צו שמייכלען.

נאָר דער טאַטע קרעכצט אַלי׳ן: אַז אָך און וועה איז מיר... איך האָב זיך גאָר ניט אַרומגעזעהן, ווי אַזוי עס איז געפֿאַלען.

און דעם טאַטענס קרעכצען און זיין שרעקעדיגער טאָן טהוען לאה׳ן מעהר וועה ווי דער קלאַפּ פֿון דער טהיר, פֿערקרימענדיג ווילד איהר שען—יונגען פנים, לאָזט זי אַרויס ווי דורך די צייהנער:

— אָבער, טאַטענקע, האָב רחמנות אויף מיר, לאָז מיך צו רוה. עס טהוט מיר ניט וועה...

— ביזט אין כעס מיין טאָכטער, טענה׳ט דער טאַטע, ווי פֿער־שולדיגט — ביזט טאַקי גערעכט... איך ווייס גאָר ניט, ווי אַזוי דאָס איז געפֿאַלען. זיי מוחל, לאה׳נקע,—ענדיגט ער מיט אַ געבראָכענער שטים.

לאה געהט אַרויס פֿון געדולד:

— ס׳איז אַ מאָדנער מענש דו ביזט! שרייט זי אויס, איך ווייס דאָך, אַז דו ביזט ניט שולדיג.

דער טאַטע ווערט שטיל, ער שטעהט אין מיטען צימעריל, גלעט פֿערצווייפֿעלט דאָס בערדיל און ווייס ניט, צו וואָס צו חאַפּען זיך. ער האָט חרטה, וואָס ער איז גאָר געקומען פֿון גאַס. בעסער וואָלט ער זיך אומשלעפּען נאָך עטליכע גאַסען,—וואָס האָט ער זיך געאיילט? ער איז דאָך אַזוי איבעריג...

איהם ווילט זיך אָבער פֿאַרט ניט זיין איבעריג און פּאַסענדיג זיך מוטה ווענדעט ער זיך ווידער צו דער טאָכטער:

—, נו, העלף מיר, מיין טאָכטער, וועלען מיר שוין ביידע אויפֿ־הענגען די טהירליך.

זיי נעהמען אהן ווערטער די טהירליך און סאפענדיג הענגען זיי זיי אויף.

— ביזט, מיין טאכטער, א בריה! — קען ער זיך ניט איינהאלטען ניט אויסצודריקען איהר זיין פאטערליך געפיהל, זיין ליעבשאפט צו איהר.

נאר לאה'ן, זי ווייסט אליין ניט פאר וואס, שטעכען די ווערטער, זיי שניידען איהר דאס הארץ, זי קען זיי ניט פערטראגען. דעם פאטער'ס ווייכקייט, וואס שטאמט פון זיין געפאלענקייט, רופט ביי איהר ארויס א געפיהל פון רחמנות פערמישט מיט פעראכטונג.

— וואס פון אמענשען קען ווערען? — קלאגט שטיל איהר הארץ, און די הענד לאזען זיך אראב און זי וויים ניט צו וואס זיך צו נעהמען.

— ער וואלט אוועקגעאנגען, וואלט איך צוגעקליבען און געגאנגען ארבייטען, — טראכט זי.

זי דערמאנט זיך אבער, אז ער האט נאך ניט געגעסען און אין שטוב איז גאר נישט ניטא.

דאך פרעגט זי ווי ניט ווילענדיג:

— ווילסט שוין עסען, הא, טאטע?

— עסען? הא? — פרעגט דער טאטע איבער, ווי ער וואלט זיך דערשראקען פאר אזא פראגע — עסען? ניין! עס איז נאך פריה!

— איך וויל נאך אויך ניט עסען! — זאגט זי ארוים פעסט. איך וועל שוין עסען ביי דער ארבייט.

— אודאי! — זאגט דער טאטע און זיין שטימע ציטערט.

— און וואו איז חיים'קע מיט לייזערקען? — פרעגט זי.

— שפיעלען זיך אויפ'ן הויף...

— לאזען זיי זיך שפיעלען —... ענטפערט לאה און קעהרט זיך אום צום פענסטער, ווי זי וואלט וועלען בעווייזען דער ליכטיגער זון איהרע צוויי שענע טרעהרען, וואס האבען זיך איהר אין די אויגען געשטעלט...

אברהם רייזען.

---

## וועג־בילדער.

### ב.

### מחלוקת אין קארשעוו.

דער וועג קיין קארשעוו לאזט זיך אין א טהאל אראב. פון אלע זייטען לאזען זיך אויך אראב אין דעם זעלבען טהאל לאנגע פאסען ערד, טהיילס נאך שווארצע, ערשט בעאקערטע; פון א טהייל פאסען הויבען שוין אן גרינע קערענדליך שמייכעלדיג ארויסצושטעקען די קעפ, וועלכע גרינען אזוי שען פון דער ווייטענס און טהייל פאסען זענען שוין אין גאנצען מיט גראז בעוואקסען. פון דער אנדער זייט שטעדטיל זעהט זיך, ווי עס ציהט זיך פון טהאל ארויף אויפ'ן בארג א זאמדיגער וועג, פון ביידע זייטען מיט בעפלאנצטע בוימער. צוזאמען מיט דעם וועג ציהען זיך מיט אין דער הויך די לאנגע, טהייל נאך שווארצע, טהייל שוין בעגראזטע, און טהייל שוין גאר אין גאנצען מיט הויכע גראזען בעוואקסענע פאסען און מישען זיך דארט אלע צוזאמען, ביז זיי ווערען אין גאנצען פערשוואונדען פון דעם אויג. איבער דעם אלעם שפרייט זיך אוים פון אויבען א גאנץ לאנגע און א גאנץ ברייטע חופה מיט גרויע וואלקענדליך — דאס איז דער הימעל.

הינטען אין דעם טהאל אויף א קליינעם פלאטץ, האַרט ביי א וואסעריל פון איין זייט, הארט ביי א וועלדיל פון דער צווייטער זייט, זענען צושאטען איינצעלנע הייזליך, די דעכער זענען איינס צוגעניגט צום צווייטען, — דאס איז דאס שטעדטיל קארשעוו, א עיר וואס ביש־אל. קוקענדיג אויף דעם הימעל. וואס פערשפרייט זיך איבער דעם שטעדטיל, ווי א גאנץ ברייטע און אנגעגדליכע חופה איבער א קליינעם שווארצען פונקט, וואס איז פערטרונקען אין א גרינעם גראזעדיגען ים, דאכט זיך אז דער הימעל שיצט עפים קארשעוו מיט א בעזונדער געטריישאפט און ליעבע. קארשעוו איז א קליין שווארץ פלעקיל, וואס איז אוים — געמאלט אויף דער ערד, און איבער דעם דאזיגען פלעקיל שיטצט דער הימעל מיט גרויס רחמים און לאזט זיך איבער איהם אראב ווייך און גלעטענדיג וואס אמאל נידריגער און נידריגער.

דאכט זיך דער הימעל שיטצט אויך אזוי ווייך, אזוי געטריי איבער דעם נאהנטען וועלדיל, ווי איבער קארשעוו — ער בעשטעהט דאך נור פון בוימער, וואס שטעהען ווארטענדיג, ביז מען וועט זיי אבהאקען און פערברענען, אין פייער אין קארשעוו... ?

קארשעוו אבער טראכט ביי זיך נישט אזוי, דער הימעל איז נור צוליעב איהר; זי האט אויף איהר גוט — ארט דריי הייליגע צדיקים בעגראבען, איהר שוהל, בית המדרש, הויז שטיבליך און פריוואט מנינים, און יחסנ'ט זיך מיט איהרע תפילות, וועלכע שפאלטען דורך דעם הימעל דריי מאל א טאג.

נאך מעהר איז די קארשעווער קהלה בעריהמט מיט איהר נחלה־שאפט. יעדער מענש אין קארשעוו מוז זיין אייגענע נחלה האבען — זיין שטוב, חאטש זיין אייגען ווענטיל.

עס זאל דיר אבער נישט וואונדערן, ווען דו געפינסט קארשעווער הייזליך פערשידען־פארביג אבגעמאלט: איין שטיקיל וואנד רויט, דאס צווייטע שטיקיל ווייס־אבגעמאלט, פון דעם דריטען שטיביל וואנד זעהט מען ארוים די שטיקליך האלץ, וואס זענען ווי א שתי־וערב צוזאמענגעפאקט (אודאי א טהייל פון א אביון). דאס דאך איז אויך ניט אומעטום גלייך. איין שטיבילדאך איז בעשלאגען מיט שינדלען, דאס צווייטע איז געדעקט מיט שטרוי, דאט דריטע מיט בלעך, א טהייל איז גאר אין גאנצען אפען. דאס איז נישט פון שענקייט וועגען — געה, זיי מוחל, און לייען איבער די נעמען, וועלכע זענען אנגעשריבען אויף דעם בלעכיל, וואס איז אנגעקלאפט פאר דעם הויז, און וועסט געוואהר ווערען, פאר וואס עס איז אזוי:

N 3.

חצקיל מענדעלאוויטש.

ישעיה ווארשאווסקי.

זרח פייגענשטאק.

גדליה גוטמאן.

און אזוי ווייטער...

שען איז צו זעהען אין דער פריה, ווען די בעלי־בתים פון די שטיבעליך לאזען זיך ארוים, יעדער זיין שטיקיל גאס פאר זיין הויז אבצוקעהרען.

(ענדע קומט).

שלום אש.

---

Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer, Krakau.

אין אמעריקא איז צו אבאָנירען דעם „יוד“ אין „די יודישע פאַמיליע“ אויך אללע אויסגאַבען אחיאסף׳ס
ביי: S. Kantorowitz New-Jork 4 Rutgerstr. 4

## נ ד ב ו ת:

(דורך דער אדמיניסטראציאָן „דער יוד“, קראקוי).

### פיר דעם יודישען נאַציאָנאַל־פאָנד

| | ק׳ ר׳ |
|---|---|
| ע״י ה׳. שנער מאת ז. קאבאלקין | — 35 |
| על אספת „בני ציון“ בקוברין נאסף ע״י ה׳ וויסאצקי לזכר נשמת חברם ה׳ קילינסקי | 1 70 |
| ע״י ה׳ האלינסקי (מאת ה״ה רייזאָוו, וואלינסקי, האלינסקי, טאווראווסקי הרב גפן, ומאנשים שונים) | 3 95 |
| ע״י הח׳ „גואלי ציון“ באודיסה: מה שנאסף על משתה התנאים אצל ה׳ גאלדענבערג—3,69 ר׳; מה שאסף ה׳ טאָדאק מאנשים שונים 1 45 ר׳; שנדבו בשעת עליתם לתורה אנשים שונים 5,45 ר׳: | 10 59 |
| האגודה „נערות ציון“ בדווינסק | 5 25 |
| | 21 84 |

בס״ה 322,56 ר׳; 24,45 קראָנען.

ת ק ו ן ט ע ו ת: המטיף ה׳ העלמאן באיזמאיל (יוד נו׳ 19) אסף רק 3 90 (תחת 5 90)

### פיר באברויסקער נשרפים:

פון דעם פרויען פעראיין „עוזרות ציון“ אין ווארשא — 4

### פיר דוואלאשיצער נשרפים:

פון דעם פרויען־פעראיין „עוזרות ציון“ אין ווארשא — 4

## בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאָן

ה׳ י. ז. — קאלווארי: די 12 בילדער ווערען אייך קאסטען 60 ק׳.

ה׳ טש. — דווינסק: ביידע ספרים וועלכע איהר פרעגט זענען יקרי־המציאות. ביידע דאַרפען קאסטען נישט וועניגער ווי 3 ר׳.

ה׳ ד. פ. — טארוטין: מיר האבען די 2 ר׳ פערשריבען אַלס ערשטע ראַטע פון 1 אפריל; ביז ענדע יאהר נאך 2 ר׳.

ה׳ מ. ב. — יעקאטערינאסלאוו: איין ¼ יאהר קאסט 1. 50 ר׳; ביטע נאך 50 קאפ.

ה׳ ח. ק. — צעדעלניק און נו׳ 5989 — יושקאוואג: די נומערן 6—7 פעהלען.

נו׳ 3293 — ראדול: מיר האבען די ערשטע 2 אויך געשיקט.

נו׳ 2199 — וואסיליעוויצי: איהר וועט די אַנדערע 2 טהייל גאַנץ אין קורצען בעקומען.

ה׳ פ. ק. — קוטנא: די פאלקסגעשיכטע, פאר די אבאנענטען פון „יוד“, אויסער פארטא, 1. 80 ר׳. — דעם „אשכול“ האט מען נאר א קורצע צייט הערויסגעגעבען. — קיין „ענציקלאָפעדיע אין זשאַרגאָן“ איז נאך דער־ווייל ניטאָ.

נו׳ 2052 — ליהאָווקא: ווי ווייט דאס איז „אסנאָוואַטעלניע“ ווייסען מיר נישט. זיין אדרעסע איז: אווגוסטאָוו סוואלסקי גוב׳.

ה׳ א. א. — קאוונא: אויף וואס טויג אייך אזוי פיעל קאטאלאגען? האט רחמנות אויף אונזער פארטא. — דער „הדור“ וואס אייער טאַטע וויל אויסשרייבען — וועט איהם קאסטען 3. 80 ר׳, געבונדען.

ה׳ ב. נ. — אקערמאן: די פאלקסגעשיכטע 1. 80 ר׳, מיט פארטא 2. 30. — דאס ערשטע באנד „וועלטגעשיכטע“, אלס פיר איין אבאנענט פון „יוד“, 50 קאפ. — די אננעפרענטע נומערן זענען דאָ.

קאלישער שטיקערייען, שפיטצען אונד גארדינען, ווייסע אינד קאליררטע באטיסטען צו העמדען אונד בלאוזען אַם בעסטען אונד בעקוועמסטען נור ביי מ. ארקין, ווארשא גענשא 6.

487 **האנדעלס שולע מיט פענסיאָנאַט**

**גאילינגען אם ר״יין, באַדען.**

קאָנצעסיאָנירט פאָן דעם מיניסטעריום דעם גראסהערצאגטהום באדען אונד אונ־טער אויפזיכט דערזעלבען. ערציעהונג שטרענג רעליגיעז. — פאָלשטענדיגע האַנדעלסבילדונג. אונטעררייכט דער דייטשען, פראנצויזישען, ענגלישען, איטאליע־נישען אונד רוססישען שפראכע. פראכטפאָללע געזונדע לאגע. בעסטע ־עפערענצען.

**דירעקטאָר א. ראססמאן.**



**Оптическо-Хирургическій и Элек-трическій складъ**



И. ПИКЪ Налевки 35, въ Варшавѣ

עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען ברוכבענדער עלעקטרא־גאלוואנישע וועלכע זענען זעהר פראקטיש אין געברויך, לייבבענדער, בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע זאָקען פיר געשוואָלענע פיס, ברילען מיט ווענעציאנישע גלעזער וועלכע די אייגענשאפט בעזיצען צו שטערקען די אויגען, אויך פערשיעדענע כירורגישע און אפטישע געגענשטענדע פיר קראנקע, ברוכבענדער ווערדען צוגעפאסט דורך איינען ספעציאליסטען. עס ווערט אנגענומען עלעקטריצשנע גלאק ארבייט נייע און פאצינקעס.





י. פיק, נאלעווקע 35

וואַרשוי. 545

# רעזט

ביכער אין 5 שפראַכען: לשון קדש, זשארגאַן, רוסיש, פאלניש און דייטש

**אין צוקערמאַן׳ס**

**לייהביבליאטהעק,**

529 נאלעווקי 7.

30 קאפ׳ און 15 ק. מאָנאַטליך.

**Меблирован. комнаты**

Дикая 3.

מיינע מעבלירטע צימערן זענען ניי אויפגעפרישט, געראַים און שען איינגעריכטעט. די בעדינונג איז ווי אם בעסטען. געהם אויך אַן פערשיעדענע קאָמיסיאָנען.

יצחק מאשעוויצקי, ווארשא

530 דזיקא נומר 3.

**אהוב את המלאכה!** 509

אלע סארטען שפיגעל - מאַ־כען גרינדליך לערנט אויס דער 25 יעהריגער פראקטיקאנט אין די שפיגעלפאבריקאציאן

**Юдка Вейнблятъ**

Варшава, Слизская 22.

**וויכטיג פיר גערבער!!!**

איך פערקויף נור פיר באארעס געלד ד ע נ ר א ס, ט ר א נ ע ן אונד ריגאער גלאַנעץ צו 1,50 א פוד, טראָנען פערשיעדענע פון 2 ביז 6 רובל א פוד. האַנדגעלד 20 %, בעוואוסטע פירמעס אהנע האנדגעלד.

514

И. М. Матузонъ.

Варшава Дикая 45.

מען קאָן דורך מיר קויפען אלע בעסאַראבישע פראָדוקטען, היינו: קוקורוז, ווייץ, גערשטען, קאָרן, רעפאג, וויין־ניס וכדומה.

мיין אַדרעסע: г. Бѣльцы. (Бесс.) Л. Розенталю.

**איך קען אוי״ד**

פערקויפען פרימא דעגראס פיר 3,25 א פוד טראנען. פון 2 ביז 5 רובל א פוד, ריגאער גלאנעץ צו 7,50 א פוד אויך נור פיר באארעס געלט געגען 15 % האנדגעלט, בעוואוסטע פירמאס אהנע האנדגעלט.

515

Г. Тувъ, Варшава

Кармелитская 20.

**מעשענע שטעמפעל**

און שטאנסען צו זייף און צו אנדע־רע פאַבריקאטען גוט און ביל׳ג, ביי

**А. Мокъ, Варшава**

544 Купеческая 12.

איך שיק אויך פער נאכנאהמע.

ווער עס וויל גוטע שפייזען עסען זאָל מיין אדרעס נישט פערגעסען, ביי מיר איז פריהשטיק אבענדברויט מיטאגען פריש און גוט, קיינער וועט זיך נישט בעקלאגען. 470

אדרעס: לעווין גענשא 18 וו.23.

## נייע נאָטען ! НОВЫЯ НОТЫ !

550 1) עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל
2) שְׁלָאף מַיין קִינד!
3) חַד גַדְיָא.

ליעדער מיט נאָטען פון נ. מ. יאַסנאָגראָדסקי
פראַכטפאָל געדרוקט און פערציערט מיט בילדער.
פרייז פון יעדען ליעד מיט די נאָטען **40** קאָפּ.
אויסשליסליך צו בעקומען ביי חברת „אחיאסף", ווארשא 1) טוואַרדאַ 6 ;
2) נאַלעווקי איוויאַנאָוו באַזאַר.
*Издательство „Ахіасафъ", Варшава. — Verlag „Achiasaf", Warschau.*

---

Soeben erschien: 549

## DIE JÜDISCH-DEUTSCHE SPRACHE

Eine grammatisch-lexikalische Untersuchung ihres deutschen Grundbestandes.
von Dr. I. GERZON
**Mark 2,50.**

**Frankfurt a/M.** Börnstr. 41. **J. Kauffmann** Verlag

---

С. Г. ФРУГЪ.

## СІОНИДЫ

**и другія стихотворенія**
(1897—1902)
съ портретомъ автора.
Цѣна 1. 0 съ пересылкою 1.75.
*Обращаться по адресу:*
Издат. „Ахіасафъ", Варшава.

---

**איזראעליטישע רעאל אונד האנדעלסשוהלע נעבסט פּענסיאָנאט צו פפינגשטאדט ביי דארמשטאדט.**

די שילער (פאן 8 ביז 15 יאהרען) ערהאלטען גרינדליכע וויסענשאַפטליכע אויסבילדונג אונד רעליגיעזע ערציהונג. בעסטע רעפערענצען ביי הערפאָרראגענדען מענערן דעם אין־אונד־אויסלאנדעס, זאוויע ביי פריהערען שילערן, די זיך אין אנגעזעהענען שטעללונגען בעפינדען.

505 נעהערעס דורך **דירעקטאר ד״ר בארנאס.**

---

## שפּיגעל־פאבריק
## ל. אידעלזאָהן, ווארשא

ביעליאנסקא נו׳ 1

עמפפעהלט זיין גראָססעס לאגער פאָן שפּיגעל, שפּיגעל־גלאס, טרוימאָס אין דעטאיל אונד ענגרא.
466

---

## וויכטיג פיר אלע!
### שירי הזמן אָדער פאלקסליעדער.

אינהאַלט:
I) די באַזעלער קאָנגרעססען
II) ישראל׳קע אין דער היים
III) מי, מי, מיר אידעלאך.
IV) יענקעלע איז א חכם
V) דער וועלט טאַנץ.

פרייז 15 ק. מיט פּאָרטאָ 17 ק.
צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען
552 און ביים פערפאססער
*Ш. Х. Левинъ, Бѣлостокъ.*

---

עס איז אַרויס איין ווערק:
**„איבער דאס ערנעהרען דאס קינד אין דעם ערשטען לעבענסיאהר",**
אין זשארגאָן מיט נקודות, איינע פערפאססונג פון
**דר. שלאַפאבערסקי**
א״ס שאוולי, קאָוו׳ גוב׳, וויכטיג פיר יעדעס יודישע הויז.
פרייז מיט פּאָרטאָ 40 קאָפּ
מו״ס בעקומען ראבאט.
זיך צו ווענדען אן פערפאססער:
*Д-ръ Я. Шляпоберскій, Шавли*
551 *Ков. губ.*

---




קרעם קאַזימי.
## „מעטאמארפאָזא"

דאָס בעסטע קאָסמעטישע מיטעל געגען זומער־שפּראָסען, מאַכט דאָס געזיכט ריין און צארט.
אלס איינציגער בעווייז פון עכטקייט איזט דער אונטערשריפט:
Calimi
אָהנע דען אונטערשריפט איזט געפעלשט, ווירד אין אלע אפּאָטהעקען און פערפום־געשעפטען פערקויפט.
דער הויפט־פערקויף איזט אין האנדעלס־הויז
## י. ב. סגל ווילנא־אדעסא.
אין בעטראכט פון געפעלשטע „מעטאמארפאזא" האָט דער ערפינדער „קאזימי" א נייעם ריסונעק אויף די פלאַקאטען צוגעגעבען:
**„די קוועלע פון שיינהייט**
**מעטאמארפאזא"**
בעשטעטיגט פון האנדעלס־ און מאנופאקט. דעפּארטאמענט נו׳ 4683 וועלכער ווירד אין אילוסטרירטע זורנעלע
541 פובליקירט ווערדען.

---

## זייט געזונד!

זעהר נוטצליכע ביכער וועגען געזונדהייט, פערהיטען און קראנקהייטען היילען פון דאָקטאר
526 **מ. גאָטליעב.**

1) די ערשטע הילף ביז דער דאָקטאר קומט, 2־טע פערבעסערטע אויפלאגע, פרייז 25 קאָפּ׳
2) שווינדזוכט (סוכאָטע) — פערהיטונג און היילונג מיט לופט, וואסער און גוטע נאהרונג 25 קאָפּ׳
3) מאגען און געדערמקראנקהייטען 40 קאָפּ׳
4) מענערקראנקהייטען (סעקרעטנע—וועגערישע) 40 קאָפּ׳
5) וואס איז געזונד און וואס איז שעדליך? אין עססען, טרינקען, וואָהנונג, קליידונג, וועשע, ארבייט, רוהע שלאָפען, רייזע א. ז. וו. 15 קאָפּ׳
6) נערוועןקראנקהייטען: נעוראסטעניע, נעוראַלגיע, היסטעריע, היפּאָכאָנדריע, מיגרען א. ז. וו. 15 קאָפּ׳

Книжны магазинъ и библютека **А. Цукермана,**
**Варшава,** Налевки 7.
Verlagsbuchhandlung
**A. ZUCKERMANN**
WARSCHAU, Nalewki 7.

---

## פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין א קירצע צייט דורך בריעף אין זשארגאָן, רוסיש און דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יאהריגע מיידכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי
Г-жѣ Бертѣ Найдичъ,
507 Варшава.

---

## לבעלי בריתי לזכרון תמיד!!!

אדריסתי היא רק בת ג׳ מלים:
Я. Нейдичъ Варшава.
פּראָספּעקט ישולח חנם לכל דורש

---

## !! מעבלירטע צימער !!

מוסטערהאַפט זויבער און בעקוועם איינגעאָרדענט, אים פרייזע פון 50, 60, 75, 90, 1.25, 1.50 ביז 2 רו״כ א טאג. באַדע־צימער (וואננעס), גאזבעלייכטונג. רעעלע בעהאנדלונג און פינקטליכע בעדיענונג. מיטטאגע פרישע און שמאַקהאפטע פון 35 קאָפּ. און סאמאווארען א 10 קאָפּ.
ח. דוואָרעצקי, סט.־יערסקאַ נו׳ 34.
Меблированныя омнаты
Х. М. Дворецкаго, Варшава
388 Св. Георгія 34